STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10237

BROYT UN LIBSHAFT

Ester Rimer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עסטער רימער

ברויט און ליבשאַפֿט

עסטער רימער

ברויט און ליבשאַפט

פארלאג
איקוף
בוענאס איידעס

פאָרוואָרט און איבערזעצטע לידער אין שפּאַניש

פון רעווען סינײַ

הילע געצייכנט פון געדאַליע

פאַרענדיקט צו דרוקן אין אַפּריל טויזנט נײַן הונדערט זיבן און זעכציק, אין דער דרוקערײַ „אָ פּ ט י מ ו ס" אונטער דער אויפזיכט פון יאָסל פריידקעס.

אינהאַלט

	זײַט
וואָרצלען און פליגלען (פאָרוואָרט)	11

ברויט און ליבשאַפט

די בין	15
ברויטיקע ווערט	16
די ערד	18
ווען ס׳גייט אַ רעגן	20
אַ ווייצן קערנדל	22
ברויט	24
האַרבסטיק פעלד	25
זאַנגען	26
זומערדיק	28
אַ טראָפּן טוי	30
איך בין דיר אַזויפיל שולדיק וועלט	32
יאָ און ניין	34
אַזאַ שיינע וועלט	35
ס׳איז אויך מײַן האַנט	36
אין מײַן גלויבן	37

די צייט

די צײַט	41
צײַט מײַנע	42
פון אַלע וועלטן	44
פרייד	46
הייב אויף דײַן קאָפּ מענטש!	48
בלוט אָפּן טײַך	50
איין און צוואַנציק געשענדעטע וויגן	52
דו זעסט	54
אַ קובאַנער וויגליד	56
צו אַ נעגער־ברודער	58
איך האָב געזען	60

זײַט

געשטאַלטן — 61
עפּיטאַפּיעם — 63
איך וועל נישט שווײַגן — 64
ראַשעלן (עפּיטאַפּיע) — 66
געווים — 67

די ערד

אַ לעגענדע — 72
וויפֿל מאָל — 74
דאָ אַף דער ערד — 75
איך בין אויך אַ טייל — 76
איך זע דיך מענטש — 78
אויב דו ווילסט — 80
די מאַמע — 82
ווי אַ טײַך — 83
קינד פֿון מאָרגן — 84
נאָקטורן — 85
אַ לופּטיקע פּלאַנץ — 86
צווישן מענטשן — 88
מענטש — 90
סאַנטיאַגער מאָטיוון — 91
ליבשאַפֿט — 94
יעדן זון־אויפֿגאַנג — 96
איך בין מעקאַנע דעם גלאָק — 97
באַ אָט דעם פֿײַער — 98
אַז מײַן פֿרייד — 99

גליקלעכע שפּירונג

גליקלעכע שפּירונג — 103
אַ רעגנבויגן — 104
אַף הויכן באַרג — 106
שקיִע — 107
די נאַכט — 110

זייט

אוונטיקער פייזאזש — — — — — — — — — — 112
אייביק — — — — — — — — — — — — — 113
פרילינג — — — — — — — — — — — — 114
לעבן — — — — — — — — — — — — — 116
גליק — — — — — — — — — — — — — 118
באם וואסערפאל — — — — — — — — — — 119
אייביק פארוואנדערט — — — — — — — — — 120
א בוים אין ערעוו פרילינג — — — — — — — 122
באהעפטונג — — — — — — — — — — — — 123
יוגנט — — — — — — — — — — — — — 124
ליבע — — — — — — — — — — — — — 125
געדענקסטו? — — — — — — — — — — — 126
א טרער — — — — — — — — — — — — 127
א בריוו — — — — — — — — — — — — 128
געדענקסטו? — — — — — — — — — — — 129

אין ליד

אין ליד — — — — — — — — — — — — — 133
מיין ליד — — — — — — — — — — — — 134
מען זאגט מיר — — — — — — — — — — — 136
א ליד אין נעגעוו — — — — — — — — — — 138
נישט איין מאל — — — — — — — — — — — 140
וואלט איך — — — — — — — — — — — — 142
פון אלע לידער — — — — — — — — — — — 144
וויפל קלאנגען — — — — — — — — — — — 146
ווען איך זאל — — — — — — — — — — — 147

אפאריזמען

זייטן: 17, 19, 21, 23, 29, 31, 33, 43, 45, 47, 51
55, 57, 71, 73, 79, 81, 87, 89, 93, 95,
105, 109, 111, 115, 117, 121, 137, 151,
143, 145.

װאָרצלען און פֿליגלען

דאָס בוך „ברױט און ליבשאַפֿט" איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ לענגערן דיכטערישן אומרו און פּאָעטישער פּראַקטיק. כאָטש עס איז אַן ערשטלינג, האָט עס פֿון דעסט װעגן שטריכן פֿון אַן אַנטאָלאָגיע. ס׳איז אַן אָפּקלײַב פֿון דעם װאָס עסטער רימער האָט פֿונאַנדערגעזײט אין פֿאַרשײדענע זשורנאַלן און צײַטשריפֿטן און אין אינטימע ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע העפֿטן, זינט פּאָעזיע האָט געשלאָגן װאָרצלען אין איר בלוט און שפּראַך.

ניט װיכטיק איז צי דער צײַט־אָפּשניט װאָס דאָס בוך נעמט אַרום איז אַ לאַנגער אָדער קורצער. װײַל ניט דער פּראָצעס פֿון דיכטערישער אױספֿורעמונג װערט דאָ אַרױסגעבראַכט, נאָר די אַבסאָלוטע באַדערפֿעניש צו קומען צום אױסדרוק פֿון אַ סענטיטיװער נעשאָמע, װאָס לעבט אין ענגן צוזאַמענבונד מיט דער װעלט און מיטן מענטשן.

דערמיט װערט בעכיין געזאָגט, אַז עסטער רימערס דיכטונג איז ניט קײן אינטימיסטישע, אַן אין זיך פֿאַרשלאָסענע. אַזאַ איז, אַגעװ, אױך דער פֿונדאַמענטאַלער כאַראַקטער־שטריך פֿון די אַנדערע דיכטערנס, װאָס די ייִדישע ליטעראַרישע װעלט פֿאַרמאָגט. עפּשער נעמט זיך עס דערפֿון, װאָס די היסטאָרישע טראַגעדיע פֿון אונדזער פֿאָלק באַװירקט די ייִדישע פֿרױ, װאָס זוכט זיך אױסצודריקן ליטעראַריש, איבערצושפּאַנען די ענגע דאַלעד אַמעס פֿון אינדיװידועלע איבערלעבונגען און זיך אַרײַנװאַרפֿן אין דעם שטראָם פֿון די קאָלעקטיװע אַנגסטן און באַגערן. אין עסטער רימערס פּאָעזיע פֿילט זיך אַ דרינגלעכע לײַדנשאַפֿט צו זאָגן און

שמועסן; צו טיילן אירע געפילן מיט אַנדערע און איַינזאַפּן אין זיך די דראַמע און האָפענונגען פון די אַרומיקע. אַפילע אין דער עכט לירישער פּאָעמע — דאָרט ווו זי ברענגט אַרויס אַן אינ־טימע אָבער גרונטיקע סענטימענטאַלע סיטואַציע, אָדער ווען זי נעמט אויף דיכטעריש אַ גראַנדיעזן נאַטור־פּייזאַזש — זוכט זי און אַנטדעקט די אָנוועזנהײַט פון אַנדערע, די נאָענטקייט פונעם מיטמענטש קעדיי זיך צו טיילן מיט אים און פאַראַלגעמיינערן די פּערזענלעכע איבערלעבונג.

דער ציל, וואָס עסטער רימער האָט אָנגעצייכנט פאַר איר פּאָעזיע, שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאָרעם. טאַקע דערפאַר, וואָס די זוכט צו זײַן קאָמוניקאַטיוו און וויל אַז מען זאָל זי פאַרשטיין, מײַדט זי אויס די אידיײשע און שפּראַכלעכע פאַרשלאָסנקייט, און שלײַפט אויס מיפול דעם פערז ביז ער ווערט העכסט פּליסיק און דורכזיכטיק. אָט די קלוימערשטע פּאַשטעס, וואָס איז גאָרנישט קיין לײַכטע — וואָרעם ס׳איז די איינפאַכקייט פון ברויט און פייגל, וועלכע ווערן אַזוי אָפט אַרויסגעבראַכט אין די לידער, ווי אַן אינספּירירנדיקער לייטמאָטיוו — פּאַסט זיך האַרמאָניש אַרײַן אין דער סובטעלער מעטאַפאָר און אין שאַרפזיניקן גע־דאַנק, וועלכע די דיכטערן ברענגט אַרויס.

עסטער רימער דערלאַנגט אונדז דאָ אַ פולע זשמעניע ערדישע וואָרצלען און הימלישע פליגלען, וואָס גיבן צו שיינקייט און כאָכמע דעם ייִדישן דיכטערישן אויצער.

רוּוון סינאַי

ברויט און ליבשאַפט

די בין

כ'האָב פֿאַרקוקט מיך אַף אַ בין אין פֿלי,
אַזוי קליין, רירעוודיק, אַ גאָלדן קעפּעלע אין גלי.
און אַף מײַן צונג אַ זיסקייט כ'האָב דערפֿילט פֿון האָניק.
און כ'בין מעקאַנע גלײַך די בין וואָס אַזוי קליין —
און ווען זי קומט נאָר אָן אַנטקעגן גלײַך אַ זיסקייט
מען דערפֿילט אַף גומען.
קאָן איך, — אַ מענטש מיט אַלע מײַנע קושיות —
מיט אָט דער זיסקייט אויך אַנטקעגנקומען?

ברויטיקע ווערט

ס'ווערט אַ ליד נישט אַלעמאָל אַזוי
געבוירן גרינג מיט לײַכט געמיט,
ווי אָף אַ בלום א טראָפּן טוי,
ווי אָף די ביימער פרילינג־צוויט

און פליט אַרום מיט גרינג געשוועב,
ווי אַ שוואַלב אָף ביימער־צווײַגן,
נאָר ס'איז טיף אין האַרץ פאַרוועבט
און קומט אויף פון שווערן שווײַגן.

נאָר דערציילן קאָנען בלומען,
צומאָל נישט גרינג אויך פאַלן טויען,
ווען נאָך וואַסער לעכצט דער גומען,
און די הימלען ווײַטע בלויען.

און עס מוז אויך פרילינג־צוויט
שווערן ווינטער איבערקומען.
ווייס איך כ'מוז זיך צו מײַן ליד
דערגראָבן ווי צו טיפן ברונעם.

און ווען כ'זע די טיפע שניטן
פון אַקער אָף דער שוואַרצער ערד,
וואָלט איך מערער נאָך געליטן
אַז ברויט מײַן ליד זאָל זײַן די ווערט.

דער הימל פּרוּווט אויס די ערד.
מיט זײַנע שטורעמס,
און די ערד נעמט אים אײַן
מיט איר גוטסקייט.

די ערד

די ערד וואָס מיר טרעטן מיט די פיס,
די זעלבע ערד זי איז אַ מאַמע,
זי מאַכט דאָס לעבן צוקער־זיס,
זי וויטיקט גלײַך מיט אונדז צוזאַמען.

זי שטייט מיט אונדז גלײַך אין געראַנגל
ערעוו ליכטיקן אַנטפּלעקן,
ווײַס אין קערנדלעך פון זאַנגען
כשיוועס ברויטיקע דערוועקן.

גיט זיך אָפּ מיט פרייד דעם שניטער
אַזויפיל זונען אײַנגעפאַנגען,
ווײַס זי אַז ס׳איז דאָ אַן איקער
אינעם פאַלן פון די זאַנגען.

טראָגט זי אונדזער טראָט מיט פרייד,
ווערט פון אונדזער שווייס נישט שיקער.
ס׳איז דאָ אַ ליכטיקער באַשייד
מענטש און ערד איז לעבנס־איקער.

אַ פֿרילינגדיקער רעגן
פֿאַלט אַף דער ערד
ווי אַ מאַמעס פֿריידיקע טרער
וואָס קאָן נאָר געבוירן גליק.

ווען ס׳גייט אַ רעגן

נישט איינמאָל ווען ס׳גייט אַ רעגן
כ׳וואָלט אַזוי מיט אים געגאַנגען,
איבער גרינע שטילע וועגן
אַנטרינקען מיט לעבן זאַנגען.

און מיט קילע טראָפּנס־ליפּן
כ׳וואָלט געקושט איעדן קערן,
און מיט אַ ניגן זיך צעזיפּן,
יעדעס גרעזל זאָל מיך הערן.

כ׳וואָלט זאָגן יעדער טראָפּן קלאָרן
אַז מיר קומען אויף מיט ברויט,
כ׳וואָלט דערטרונקען יעדער דאָרן,
וואָס לויערט דאָ מיט קאַלטן טויט.

אויב באַגלייטן כ׳וויל אַ רעגן,
איבער פעלדער פולע זאַנגען,
איז „קלאָרער זינען" מײַן פאַרמעגן,
כ׳וויל נישט גיין אַבי געגאַנגען.

קאָלזמאַן דער מענטש
מוז פֿון זײַן האַנט
מאַכן אַ פֿויסט —
איז ער נישט פֿרײַ.

אַ ווייצן-קערנדל

כ׳האָב אַ ווייצן קערנדל צעביסן אין פעלד,
געוואָלט דערגראָבן זיך צום טאַם פון ברויט,
ס׳האָט אַנטפּלעקט זיך מיר די וועלט,
אויסגעשיילט זיך ווי אַן אַרבעם פון זײַן שויט.

און איך אַליין ווי כ׳וואָלט גאָר ווערן
איינס מיט זאַנג מיט פלאַנץ.
ס׳האָט דער ברויטיק-זיסער קערן
צו דעם אַלעם מיך פאַרגאַנצט.

ווער מיט פויסט זײַנער זיך גרויסט,
באַפאַנצערט זיך מיט שאָלן הארטע,
פילט נישט ווי דאָס לעבן ברויזט,
זײַן האַרץ אַ יאָדער אַ פאַרדאַרטער,

זאָל אַ בים טאָן זיסן קערן
און דערפילן טאַם פון ברויט
וועט אַליין אויך פרײַער ווערן,
און אָנציִען — לעבנסהויט.

נישט שולדיק איז די ערד
וואָס אויסגעטראָגן האָט אַ דאָרן,
נישט פֿאַרלוירן האָט זי די ווערט
נישט קעגן איר איז אונדזער צאָרן.

נישט די זון איז שולדיק
וואָס האָט אים געגעבן גלאַנץ,
נאָר מיר אַליין וואָס געדולדיק
געלאָזט דעם דאָרן גאַנץ.

ברויט

איך וויל דאָס ברויט אַף מײַן פרידלעכן טיש
זאָל שמעקן ווי די זאַנגען אין פעלד,
זאָל ברוין זײַן זאַפטיק און זיס
מיט פריידיקער זעט פון דער וועלט.

כ׳זאָל דערפילן זײַן זעטיקן טאַם
אַף מײַן גומען און שאַרף פון די ציין,
נישט צום שטילן דעם הונגער אַזוי סתּם,
נאָר וויסן אַז איך עס נישט אַליין.

ס׳קאָן אויך אַ ברויט טון אַ רייד
וועגן פּאַשעטע זאַכן אַזוי קלאָר,
וועגן שניט, וועגן פויערשער פרייד,
וועגן ליכטיקער, זוניקער וואָר.

אַ רייפטל: אַ גאָלדענער זאַנג,
דאָס מעסער — אַ קאָסע צום שניט,
מיט שטאָליקן זילבער־געקלאַנג,
מיט שעפע פון פריידיקן ליד.

און אַף פרידלעכן טיש אויפגעהעלט
מיר ברענגען אַ גרוס פון דעם מענטש,
וואָס האָט שווייסיק געאַקערט דאָס פעלד
און מיט ליבשאַפט דאָס ברויט מיר געבענטשט

האַרבסטיק פעלד

גיעלע שײַן אַף האַרבסטיק פעלד
שטעכלקעס צום הימל שטאַרצן,
האָבן מיר מײַן בליק פאַרשטעלט
און פאַרקלעמט ביז צום האַרצן.

די ערד צערונצלט צעריסן איז
צעשטאָכן האָבן זאַנגען זי ביז ווייטיק.
נאָר ס'איז אָט דער ווי איר זיס,
נאָר ס'איז אָט דאָס לײַדן נייטיק.

טראָגט די ערד איעדעס בלעזל,
פאַרהיילן זאָל עס איר דער ווינט.
טוליעט א פאַריאָסעמטע גרעזל,
צום האַרצן ווי אַ מאַמע אַ קינד.

פּיקט אַ פויגל זיך אַ קערן
האָפּסלט זיך מיט דינע טריט.
און איך הער: די ערד, כ'וואָלט שווערן
זי זינגט צום לעבן שוין איר ליד:

איצטער ליג איך נאָך אַ מידע
נאָר אַ פולע מיט זונען־שײַן.
וואַקסן וועלן זאַנגען ווידער
וואָס געווען וועט ווידער זײַן.

זאַנגען

זאַנגען גאָלדענע פּאָשעט זאַנגען
האָבן זיך צעכוואַליעט אין מײַן געמיט. .
ווי פון טויזנטער גלעקער מיט זילבער־קלאַנגען,
איז אויפגעגאַנגען אין מיר אַ ליד.

אַ ליד פון ברויט איז אויפגעגאַנגען
פון אַ קליינעם זיסן קערן,
אַז אַלע ליכטיקע פאַרלאַנגען
האָט אַ זאַנג אין זיך „פאַרקערנט".

און דאָ ווי ס'וואָלט אַ זאַנג זיך מיר פאַרטרויען
ציטערט מיט זײַן גוף דעם דינעם:
זעסט דעם הימל ליכטיק בלויען?
איך וויל רו אין אים געפינען.

ראָבן ווילן די זון פאַרשטעלן
און אויסלעשן ליכט פון שטערן.
ווער וועט קעגן בייז זיך שטעלן
און פאַרהיטן זיסן קערן?

אין מײַן בלוט דאָס זאַנגל האַמערט:
„דו ביסט זייער, דו ביסט שניטער,
איך בין נאָר צו דיר פאַרקלאַמערט —
נאָר דו קענסט דאָס ברויט פאַרהיטן".

צאַפּלט אויף מײַן האַרץ צוזאַמען
מיטן זאַנגיק־דינעם טרויער.
כ'ווייס וואָס קערן איז — כ'בין אַ מאַמע —
איך וועל פאַרטרײַבן יעדן לויער.

פרײַ וועלן פעלדער זאַנגען וויגן
קיינער וועט די זון פאַרשטעלן,
אויפגיין וועט פון ברויט אַ ניגן —
אין אַ מאָרגן ליכטיק־העלן.

זומערדיק

זומערדיק שטייט דער טאָג אין בלענדיקן פּלאַטער
אַ פּולער, אַ רויִקער שטייט זיך אַ זאַטער,
טראָגט יעדן אָנטקעגן זײַן צײַטיקע פּרוכט —
עס דאַכט זיך ער בעט: פּאַרזוכט, פּאַרזוכט.

עס צעטראָגן ווינטן רייכעס געשמאַקע
פֿון שעפֿע, פֿון שניט, פֿון ברויט פּריש-געבאַקן
עס שלאָגט מיט פרייד פֿון מאַמע ערד —
פֿון זײַן, פֿון געבוירן, פֿון פליכט און ווערט.

שטייען די ביימער אין זוניקער שײַן,
זיי האָבן קיין מוירע פֿאַר וועלקן פֿאַרגיין,
זיי פילן די גוורע פֿון וואָרצל און שטאַם —
ס׳וועט נישט באַזיגן אַ סוינע זיי סטאַם.

פֿון זייער שטאַמיקייט ווערט מיר אַזוי גוט
עס ריזלט ווי זשיוועצע אויך אין מיר דאָס בלוט.
אין גרינקייט פֿון ביימער אין זוניקער שײַן —
מיט לײַב און מיט לעבן איך גלידער מיך אײַן.

אַ טראָפּן טוי
איז די בענקשאַפט
פון הימל צו דער ערד.
דער הימל שיקט אים אַראָפּ,
אַז ער זאָל איינאָטעמען
די לופט פון דער ערד
און קומען צו אים ווידער.

אַ טראָפּן טוי

אויף אַ קליינעם טראָפּן טוי,
וואָס איז געלעגן קלאָר זיך אויף אַ בלעטל,
האָב איך פֿאַרקוקט זיך גלאַט אַזוי —
און נישט געקאָנט מײַן בליק אָנזעטן.

מיט אַזויפֿיל זונען־שײַן זיך אָנגעגאָסן
אַז ס'וואָלט אַ בעכער נישט געקאָנט פֿאַרנעמען,
און דערזען האָב איך יענע מאָסן,
וואָס מיטן האַרצן נאָר מען קאָן באַנעמען.

דעם מענטשנס לעבן
איז אַ פּרוכטיקער בוים,
אויב זײַן האַרץ
פֿילט אַ צווייטנס
האַרצקלאַפּ.

איך בין דיר אַזױפיל שולדיק װעלט

איך בין דיר אַזױפיל שולדיק װעלט
פאַר דעם הימל װאָס האָסט צוקאָפּנס מיר צעהעלט,
פאַר דעם גרינס װאָס שפּרײטסט צו מײַנע פיס,
פאַר דעם ברױט װאָס איז מײַן גומען זיס.

פאַר דער זון װאָס גאָלדיקט אױס מײַן טאָג מיט שטראַלן,
פאַר די טײַכן פאַר די קװאַלן,
פאַר די װעלדער מיט פײגלשע געזאַנגען,
פאַר די פעלדער מיט זעט אױפגעגאַנגען.

פאַר דעם מענטש װאָס קומט מיר אַף װעגן
מיט אַ גוטמאָרגן אַף די ליפּן אַנטקעגן.
דערפאַר איז מײַן האַרץ פאַר ליבשאַפט אָפן,
דערפאַר ברױזט אין מיר אַ יאַם ביטאָכן.

דער יאָ און דער ניין,
זײַנען נישט קיין סאָנים,
אויב דער מענטש
ווייס ווי אַזוי מיט זיי אָנצוגיין.
מיט זיי אומצוגיין.

יאָ און ניין

יאָ און ניין ווי צווילינג-שוועסטער
גייען — אַמאָל דער יאָ פֿאָרויס אַמאָל דער ניין.
דער ניין פֿאַרהיט דעם יאָ פֿון לעסטער —
און דער יאָ דעם ניין פֿון ווערן קליין.

גייט דער יאָ מיטן ניין אױפֿן אַקסל,
אויסגעגלײַכט מיט אָפֿענע אויגן;
אַף פֿעלדער זאַנגען צײַטיקן וואַקסן
ניין — פֿאַר דעם דאָרן, יאָ! — פֿאַר דעם ברויטיקן גלויבן.

ניין! פֿאַר האַכנאָעדיקן יאָ פֿון אַ בלינדן,
יאָ! — פֿאַר דעם ליכטיקן זוניקן שטײַגן,
יאָ! — פֿאַרן ניין וואָס לאָזט זיך נישט בינדן,
ניין! — פֿאַרן יאָ וואָס וואַרגט זיך מיט שווײַגן.

איז יאָ! — פֿאַר אַ לעבן פֿון ליכטיקן שאַפֿן,
און ניין! — פֿאַר די שענדער פֿון מענטשלעכן ווערט
יאָ! — פֿאַר די הענט וואָס בויען און האָפֿן —
און ניין! פֿאַר אַ הימל אַן יאָ צו דער ערד.

אַזאַ שײנע װעלט

אַזאַ שײנע װעלט געבאָרן
האָט דעם מענטשנס גײַסט און װילן,
פֿאַר דעם לעבן פֿאַר דעם װאָרן —
פֿאַר דעם ליד דעם צאַרטן, שטילן.

פֿאַר דעם ליכט אין אַלע שױבן,
פֿאַר די הײמען פֿול מיט פֿרײד,
פֿאַר אַ פֿרײַ צעהעלטן גלױבן —
פֿאַר דער קאָלעם װײַסן קלײד.

פֿאַר די קינדערס שמײכל זיסן,
פֿאַר דער מאַמעס העלן בליק,
פֿאַר אַ רויִק זאַטן ביסן,
פֿאַר דער פֿרײַנטשאַפֿט אויף אַ בריק.

און מיט גלויבן זי באַפֿאַנט,
נישט געקאַרגט זײַן אײגן בלוט,
איצטער שטײט זי דאָ און מאָנט:
היט מיך, שיץ מיך מיט דײַן מוט.

ס'איז אויך מיין האַנט

עס פֿאַרבענקט זיך נישט איין מאָל אַ שטעכיקן דאָרן
צו וואַקסן אין פֿעלד צווישן גאָלדענע זאַנגען,
צו ווערן געמאָלן אין ברויטיקן קאָרן, —
און צום מענטשלעכן גומען דערלאַנגען.

דאָך קאָן זיך מיט זאַנגען נישט מישן אַ דאָרן
כאָטש די זעלביקע ערד עס טראָגט זיי און נערט;
עס וואַקסט אַף דעם ווילדגראָז דער מענטשלעכער צאָרן —
און אַף זאַנגען די ליבשאַפֿט מיט ברויטן זי יערט.

דאָס לעבן איז שיין און ברויט זים צום עסן,
דער דאָרן וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין ברויט!
זײַן שטעכיקייט וועט ער קיינמאָל פֿאַרגעסן —
ער שטייט מיט זײַן לעבן און לויערט מיט טויט.

ס'איז אויך מײַן האַנט צום רײַסן באַשערט
דעם דאָרן, כאָטש כ'פֿיל — איך גיי אַפֿ אין בלוט.
אָבער כ'ווייס: פֿון יעדן טראָפּן וואָס ס'זאַפּט אײַן די ערד —
וועלן זאַנגען אויפֿגיין צײַטיק און גוט.

אין מײַן גלויבן

כ׳ווייס מײַן לעבן ווערט מיט יאָרן אַמאָל באַלאָדן
ווי די נוס מיט אַ שאָלעכץ געקאַרבט און האַרט,
אָבער איך פיל די זיסקייט פון אַ רייפן יאָדער,
וואָס איז דערווײַל אין האַרטער שאָל פאַרשפּאַרט.

ס׳איז די האַרטע שאָל דעם יאָדער צו פאַרהיטן,
ווי די קאָרע פאַר דעם בוים אַ פּאַנצער,
ער זאָל פון אַלע שטורעמס און געוויטערס
אַרויסקומען אַ לעבעדיקער גאַנצער.

כאָטש איך פיל נישט איין מאָל עס גראָבט זיך אַ ווייטיק,
ווי עס גראָבט זיך דער אַקער אין ערדישן אינגעווייד
אַז ס׳זאָלן אויפגיין די זאַנגען ברויטיק און צײַטיק
אַזוי וועט אויך אויפגיין מײַן ליכטיקע פרייד.

איך פיל עס פאַלן אָפּ פון מיר אַלע האַרטע הויטן
פאַר דער ליכטיקייט וואָס קומט פון האָריזאָנט,
אַקעגן נײַעם מאָרגן שוין נישט ווײַטן,
אין מײַן גלויבן שטיי איך נאָר באַפּאָנט.

די צייט

די צייט

די צײַט וואָלט דאַרפֿן זײַן
אונדז ווי אַ מאַמע,
וואָס היילן זאָל די פּײַן
מיט הענט מיט גלאַטיקע פֿון סאַמעט.

נישט דאַרפֿן זאָלן מיר באַווײַזן
ווי אַף קאָוואַדלע פֿון אַ שמיד,
אַז מיר זײַנען שטאַרק ווי אײַזן,
וואָס דער האַמערשלאָג צעגליט.

אונדזער שליכעס צו דערפֿילן
זאָל מיט צאַרטקייט זײַן באַשערט,
ווי דעם בוים אין פֿרילינג,
ווי דער מאַמע ערד.

צייט מיינע

כ'וויל זײַן דיר אַן איידעם, דײַן אייגן קינד,
איך בין דײַן גוטסקייט, איך בין דײַן זינד.
איך בין דײַן זון, איך בין דיין שאָטן —
דײַן שטורמישע האַנט האָט מיך אויסגעקנאָטן.

מיך אַזוי גרויזאַם, מיך אַזוי גוט,
מיט פלאַם אינעם האַרצן, מיט ליד אינעם בלוט.
דײַן מיִעסקייט, דײַן שיינקייט, דער אייגענער באָדן —
אַ דאָרן צעבליט, אַ בוים פרוכטיק באַלאָדן.

נאָר זײַן דיר אַן איידעם מיט אָפענע אויגן,
מוזטו פאַרהיטן מײַן זוניקן גלויבן.
אַז דו האָסט מיך — דײַן אייגענעם איקער געלערנט —
אַז אַ וועלט קאָן אויסטראָגן אַ קליינינקער קערן.

ווען דו ווילסט קומען צום ציל,
מוזטו זיך לאָזן גיין,
דער ציל וועט צו דיר
נישט קומען.

פון אַלע וועלטן

פון אַלע וועלטן אַ וועלט איך טראָג,
וואָס ניט צו מיר אַליין געהערט;
זי קומט אויף אין מיר מיט העלן טאָג,
האָט טיפע וואָרצלען אַף דער ערד.

די וועלט זי הייסט מיר גיין נאָר גלײַך
און מײַן קאָפּ — צום ליכט געווענדט.
מיט ליבשאַפט רינגלט מיך אַרום — כ׳בין רײַך —
גיסט אָן מיט גוורע מײַנע הענט.

הייסט אויגן האַלטן אָפֿן קלאָר,
טראָגן כ׳זאָל מײַן פרייד אָן מוירע,
נישט אין כאָלעם איז מײַן וואָר —
נאָר אין אויפגאַנג, אין געבוירן.

ס׳איז איר שווער דער ליכט-געווינערן?
מוז איך מערער נאָך זײַן וואַכיק!
נישט פאַרלירן נישט פאַרמינערן,
מײַן קראַפט מוז ווערן הונדערטפאַכיק.

די פרייד וואָס מען קאָן נישט
טיילן מיט אַ צווייטן,
ווערט קיין פרייד
נישט געבוירן.

פרייד

דער וואָס לויערט מיט זײַן האָס אַף מײַנע רעכט,
ער אַליין ער ווייס נישט וואָס איז פרייד פון געבן.
ס'איז זײַן איבעלע אַ קליינס, אַליין אַ קנעכט,
וואָס בעטלט אויס זײַן יעדן טאָג באַם לעבן.

און זײַן בלוט וואָס שטראָמט אין האַרץ אַרײַן
ווי ס'וואָלט געצויגן זיך צו דעם אַ וואָרעם.
עפּשער ווייס ער טאַקע נישט פון פּײַן,
אָבער לעבן לעבט ער אייביק אומגעבאָרן.

און אויב איך ציטער אויף פון שטילסטע קלאַנגען
ווי די ערד ווען ס'גראָבט אין איר זיך אײַן דער אַקער,
דאָך וויל איך באַ דער רו — נישט זײַן געפאַנגען,
ס'איז מײַן אומרו מיר פון בעסטן ווײַן געשמאַקער.

און טאָמער טוט זיך אַף מײַן לײַב אַ וווּנד אַן עפן, —
עס עפנט דאָך די ערד פאַר יעדן קערנדל איר טראַכט!
דער סוינע מיינט מיט סאָם אין האַרצן מײַנעם טרעפן —
וווּנד ווי ערד אין קערנדיקער היילונג ווערט פאַרמאַכט.

און עס צאַפּלען אינעווייניק שוין די דינינקע געוועבן,
עס ציִען אַדערדיק זיך וואָרצלען אין ערדישן איגעווייד,
עס שפּרינגט אַרויס אַ זאַנג מיט נײַעם ברייִשים־לעבן,
קיין סוינע וועט שוין נישט דערשלאָגן אָט די פרייד.

קאָנען אָנערקענען אַ שולד,
איז קאָנען אָרנטלעך זײַן.

הויב אויף דיין קאָפּ מענטש!

דער דורכגעפירטער צענז פון יאָר 1960 אין אַרגענטינע דערציילט וועגן מענטשן וואָס וווינען אין הינטישע בודקעס.

(פון די צייטונגען)

קום אַרויס פון דער הינטישער נאָרע
און הויב אויף דיין קאָפּ, מענטש!
מען וויל דיך צווישן מענטשן פאַרשרייבן:
דיין נאָמען, דיין אָרט פון געבוירן.
איז דיין מאַמע געווען אַ פרוי אַ מאַמע
און געוווינט האָט זי אין א הינטישער נאָרע?
צי האָט זי אַ דאַך איבערן קאָפּ געהאַט?
האָט זי אין א וויג אַ ווייסער דיך פאַרוויגט —
און געזונגען דיר אַ ליד וועגן אַ מאָרגן אַ ליכטיקן?
האָט זי ווי אַלע מאַמעס מיט איר אומרו דיין רו באַוואַכט —
און דיינע ערשטע טריט באַגלייט מיט טרערן
און איר פרייד אין דיר „פאַרקערנט“?...

ווער האָט דיין רוקן געבויגן
און דיין בליק פאַרשעמט אַז דו פאַרשטעלסט אים פאַר דער זון?
און דיין צונג געבונדן;
האָסטו פאַרגעסן דאָס מענטשלעכע לאָשן?
דיינע ברידער זיינען מענטשן־קינדער וואָס וווינען דאָרטן „אויבן“,
ווער האָט דעם לעבעדיקן פונק אין אויג דיינעם פאַרלאָשן?
איך? בין איך שולדיק?
ביל עס אויס מיט דער שפּראַך פון הונט!

וואָיע אויס דײַן וויטיק, דײַן בושע אַף דער שפּראַך פֿון וואָלף
און וועק אויף דעם מענטשן וואָס וווינט אויבן „דאָרט",
און זאָג אים אַז: אַ ליידיקע שויט איז זײַן וואָרט.
און לאָז הערן דײַן וואָרט! דײַן וואָרט!
לאָז מיך נישט בלײַבן שולדיק, לאָמיר ביידע זיך אויפהייבן
און לאָז נישט וואַלגערן זיך אין שטויב אונדזער ביידנס גלויבן!

בלוט אַפֿן טײַך

די אומגעקומענע פֿאַראַגווײַער קעמפֿער פֿאַר דעמאָקראַטיע
וועמענס צעבלוטיקטע קערפּערס זײַנען געשוווּמען אַפֿן טײַך
פּאַראַנאַ, 1960.

אויפֿגעשטאַנען איז דער טײַך הײַנט מיט בלוטיקע פֿלעקן,
האָט אין בלוט זיך אײַנגעטונקען אויך דער טאָג;
וויפֿל עם האָבן כוואַליעס עם געוואַשן געוואָלט פֿאַרדעקן,
האָט דאָס בלוט נאָך שטורמישער געשפּראָצט, געיאָגט.

אין מיטן טײַך האָט זיך צעבליט אַ רויז,
אַ בלוטיקע רויז, מיט הענט, מיט אויגן,
און דער טײַך אַרום האַלט אײַן זײַן ברויז,
ווי ער וואָלט אַף זײַן פֿלאַך דאָס פֿאַרברעכן געוווּיגן.

די צעלעכערטע ברוסט, יעדער אײנציקער אײוועד,
מאָנט אַן ענטפֿער און די זון פֿאַרשטעלט איר פּאָנעם מיט אַ נעפּל.
דער טײַך וויל ניט זײַן פֿון פֿאַרברעכן דער קײוועד,
און וויגן די כוואַליעס אין צוויַעסדקין פּרעפּל.

טראָגט ער די נאַקעטקייט אַזוי אָפֿן צום האָריזאָנט,
פֿינגער ווי גראַבליעס שאַרפֿע שטעכער;
ערגעץ שטייט דאָך עמעצער פֿאַר עמעצן און מאָנט
אַ שטראָף פֿאַרן מאָרד און פֿאַרברעכער.

דער פֿאַרוווּנדיקטער, צעבלוטיקטער, אײַ! —
ציטערט נאָך אין לופֿטן איבער בערג און טאָלן;
אַ פֿאַרוווּנדיקטע וועלט נעמט אויף דײַן ווײ פֿאַראַגוויַי,
„זיי״ וועלן, „זיי״ וועלן פֿאַרן פֿאַרברעכן באַצאָלן.

דעם מענטשנס אויער
מוז קאָנען הערן —
דעם ווײ און די פרייד
פון אַרום,
קעדיי נישט ווערן אויסגעשלאָסן
פון אַרום.

איין און צוואַנציק געשענדעטע וויגן

אין ליטל ראָק, צאָפּן־אַמעריקע, זײַנען 21 נעגערשע קינדער
אומגעקומען אין אַ אונטערגעצונדענער שול. די טירן זײַנען
געווען הערמעטיש פאַרשפּאַרט פון דרויסן. 1958.

(פון די צייטונגען)

ס'האָבן איין און צוואַנציק פּאָר הענט פּלוצים די זון מיר פאַרשטעלט,
פינגער אין קראַמפּן אין ווייען פאַרבראָכן,
מיט בלוטיקן יאָמער געקלאַמערט אין וועלט
און מײַן האַרץ, ווי מיט שפּיזן שאַרפע צעשטאָכן.

די זון — אַ פאַרקילטער פײַכטער שוואַרצאַפּל,
רינט אַרײַן אין מײַן בלוט מיט טויטלעכן גליווער.
כ'זע: ס'טוליעט זיך אַ בוים צו אַ בוים אין מוירע פאַרצאַפּלט,
ס'דאַכט זיך די וועלט איז אַ בעכער מיט סאַם וואָס גייט איבער.

דאָס טוליען איין און צוואַנציק מאַמעס זייער עלנט אַף וועגן,
ווי ביימער מיט וואָרצלען פון ערד אַרויסגעריסן.
וואָס זאָל איך זיי איצטער ברענגען אַנטקעגן,
אַז איך פיל ס'האָט די „וועלט" מיך מיט ריטער צעשמיסן.

אַז איין און צוואַנציק קינדער, פאַרשפּאַרט אין אַ שול, האָבן אין פלאַמען
זייער לעבן פאַרסאַרפעט, פאַרברענט זייערע יאָרן.
וואָס קאָן איך פּאַר אַ טרייסט ברענגען אַ מאַמען,
אַז מײַן וואָרט איז אַ שפּיציקער שטעכיקער דאָרן;

אַז מײַן האַרץ איז פאַרשעמט, אַ בושע מיר מײַן זעט
מײַן אָטעם, מײַן גאַנג, מײַן װענדן און קערן,
עס שעמט זיך מײַן לײַב פאַרן װײַך־װײַסן בעט,
װען עס בלוטיקן מאַמעס זײער פּײַן אױס אין טרערן.

אײן און צװאַנציק מאַמעס האָבן יעדן טאָג מיט בראָכעס אָנגעהױבן
און די קינדער צו װעלט פאַרטרױטע באַגלײט,
האָט מען געשענדט זײער ליבע, געלעסטערט זײער גלױבן,
און אַ פינצטערן טעהאָם פאַר זײערע אױגן אױסגעשפּרײט.

און סע גלוסט זיך איצט זינגען זײער מאַמעשן ניגון,
און מײַן האַרץ איז פון קינדער אײן און צװאַנציק אַ קײװער
און איך אַלײן אַ צעװאַקלט צעשאָקלט װיגל,
װאָס װיגט זיך אין רױם װי דער אומרו פון אַ זײגער.

איך װיג איבער שולדיקע קעפּ דעם צאָרן פון אַ מאַמען
אײן און צװאַנציק געלעסטערט געשענדעטע װיגן צעװאַקלט.
לאָמיר מאַמעס פון דער װעלט אַלע צוזאַמען,
מאָנען כעשבן פאַרן שענדלעך בלוטיקן סאַכאַקל.

דו זעסט

דו זעסט צומאָל פֿאַר דײַנע אויגן
שימערירן אַזעלכע אויסגעטרוימטע הייכן,
וואָלסטו, מיט אַלע דײַנע כּושים —
צו זיי אַרויפֿגעפֿלויגן.
זעסטו, — אַז מען מוז אַזעלכע קלײנקייטן אָפּרוימען —
אַף דער ערד — אַריבערשפּרײַזן.
און אַפֿן וועג דו זעסט דו מוזט באַווײַזן,
אַז דער וועג צו די רוימען
פֿרײַ זאָל זײַן פֿון שראָציקמדיקן קריך!
און דאַן אַנטפּלעקסטו גאָר אין זיך,
אַז אַלע אויסגעטרוימטע הייכן,
קאָנסטו אין דיר אַליין דערגרייכן.

אויב דו ווייסט אַז דײַן וועג
איז אַ ריכטיקער
לאָז זיך נישט פֿאַרפֿירן —
פֿון פֿאַלשע ליכטער.

אַ קובאַנער וויגליד

שלאָף מײַן קינד מיט דײַן שמייכל פול גלויבן,
דער צוקער וועט בלײַבן אַף אייביק שוין זיס.
די וואָס האָבן געוואַגט זיך איצטער אויפהייבן,
זיי וועלן שוין קיינעם נישט פאַלן צו די פיס.

איך בין דײַן מאַמע, אַן אומוויסנדיקע פרוי,
איבער מידלענע באַליעס געוועזן געבויגן מײַן קאָפּ.
ס'איז אַ זייפנבלאָז געוועזן מײַן הימלבלוי,
ווײַל מײַן רוקן האָבן מאַסעס געבויגן אַראָפּ.

וויפל מאָל מען האָט מיר מײַן ברויט פאַרשפּיגן
און ווי האָט געבוירעט מײַן האַרץ ווי אַ שרויף.
ווײַל כ'האָב, ווי די ערד, אין אָנמאַכט געשוויגן,
„זיי" האָבן מײַן קויעך געקויפט און פאַרקויפט.

נאָר ס'איז קויעך אַרויס מיט האַרמאַטן־פאַרמעסט
ווי אַ טײַך וואָס צעשפּאַרט זײַן אייגענעם ברעג.
ווער ס'האָט אונדזער קויעך מינדערגעשעצט,
האָט דערזען אין אַ רינשטאָק זײַנע אייגענע טעג.

זײַ מויכל מיר מײַן קינד, איך רעד צו דיר אַזעלכע רייד,
וואָס מען רעדט נישט צו אַ קינד אַף גאָרער וועלט.
אָבער כ'זע דײַנע הענטלעך צעצאַפּלט אין פרייד,
און כ'ווייס ס'האָט מײַן כאַלעם אין דיר אויפגעהעלט.

פֿון אַלע מאַסעס
די שווערסטע מאַסע איז סינע.
באַפֿרײַען פֿון איר
קאָן נאָר די ליבשאַפֿט.

צו אַ נעגער ברודער

(דזשימי ווילסאָנען, וואָס איז פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט
פאַר גאַנווענען איין דאָלאַר מיט 95 סענט, 1958).

כ׳האָב דיך הײַנט געזען מיט אויגן מאָנענדיקע — צוויי שאַרפע כאַלאָפּים
דער „וועלט" דו טראָגסט זיי איצט אַנטקעגן ווי דײַן „לויב".
די אויגן דיינע — וויפל נעכט זיי ווייסן נישט פון שלאָפן,
ווײַל די „וועלט" האָט זיי פון רו באַרויבט.

אָבער הינטער סינעדיקן יאָם, וואָס טראָגסט דער „וועלט" אַנטקעגן,
כ׳זע דײַן קלאָרן בליק ווי אַ הימל שטערנדיק באַזייט,
דו האָסט אַף ערד צעגרינטער אַף צעבליטע וועגן —
אַרומגעטראָגן זיך מיט דײַן וועלט: אַ יאָם מיט פרייד.

אַ פרייד וואָס שלאָגט אַרויס אַפילע פון אַלטע קליידער
ווי אַ קוואַל פון אַ פעלדזיק־הויכן באַרג.
מיט יעדן גרעזל יעדן בלימל פרישט זיך אויף קעסיידער —
ברויזיק ווי אַ קוואַל, נישט שפּאָרעוודיק נישט קאַרג.

כאָטש ס׳האָט דײַן האַרץ נישט איינמאָל געגריזשעט אַ הונגער
נאָך טיפער — האָט די סינע פון ברידער עס געגנאָגט.
און דו האָסט ביז בלוט זיך געביסן די פינגער —
און געוואָלט זיך אײַנריידן אַז עס טאָגט שוין, עס טאָגט.

און דײַנע ברייטע דיקע ליפּן פֿון װײַסצייניקן מויל
האָסט פֿאַרשלאָסן װי אַ דאַמבע — דעם צאָרן צו פֿאַרהאַלטן.
װאָס האָט זיך געריסן מיט דײַן ברויזיקן קאָל —
װי אַ לאַװע דורך אַ פֿײַער־שפּײַענדיקן קראַטער אויפֿגעפּראַלטן.

און איצט הער איך דײַן קאָל אַף װעלטס ברייטע װעגן
כ׳זע דײַנע אויגן װי צװיי שאַרפֿע כאַלאַפּים זיך שנײַדן.
ס׳איז דײַן װיי אַריבער װי אַ טײַך זײַנע ברעגן —
און מאָנט איצט כעשבן בײַ דער „װעלט” פֿאַר די לײַדן!

איך האָב געזען

איך האָב געזען אַ שלאַנג אין גראָז אין גרינעם,
די אויגן צוויי גלעזערנע בעכער מיט סאַם.
וויקלט זיך אין קראַמפּן פאַרשיקערט, אָן זינען —
דאָס מיינט זי דעם וועג צו מײַן לעבן געפינען.

אָן פּיס טוט זי אַלעמאָל אַ קריכנדיקן שפּרײַז,
עפּשער מיינט זי די צײַט זי האָט שוין געפאַנגען
אין איר שלאַנגיק פאַרסאַמטן קרייז?
איז גוט וואָס דער קאָפּ איז אַ קליינער באַ שלאַנגען.

איין ציטער — און די האַק וועט טון זיך אַ לאָז
אַף דעם שלאַנגיקן קאָפּ דעם גרינעם.
פון סאַם בלײַבן וועט אַ קליינינקער פלעק אַפן גראָז —
און דעם וועג צום לעבן — זי וועט ניט געפינען.

געשטאַלטן

עס מאַכט זיך אָפּטמאָל זיי קומען צו גיין
מיט פאַרבראָכענע הענט מיט יאָמער געוויין,
ווערט מיר פארצאַפּלט מײַן אויג און מיין האַרץ,
דער טאָג דער העלסטער ווערט נאַכטיק און שוואַרץ.

און איך שטיי אין מיטן, איך בין מיט זיי,
איך בין דאָס קאָל פון זייער געשריי,
איך פיל זייער אָטעם ווי בריאיקע שניטן —
איך פיל זייער בלוט אין מײַנע געבליטן.

איך זע ווי זיי ווײַזן מיט בייניקע פינגער
מיט אויגן וואָס זײַנען פאַרלאָפן פון הונגער
איך הער זייערע רייד ווי שאַרפע כאַלאָפים:
מיר זײַנען געקומען — דיך וואָרענען, נישט שטראָפן.

דו זעסט: ס'האָט די ערד ווער מיט באָמבעס צעגראָבן,
און ס'קרייזן אין לופטן די אַלט-נײַע ראָבן!
מיין נישט אַ פעלד איז צעאַקערט אַף ברויט —
עס וועט פון דער זריִע בלויז וואַקסן דער טויט.

וואָס ווײַטער זיי ריידן איך הער זייער ציטער
— דו ביסט דער קערן אַרוים פון געוויטער.

פיל איך ווי טײַער ס'איז מיר זייער שאָטן,
ווי בלוטיק מײַן ווונד איז צו זייערע פאַרקנאָטן.

ווערט אַ זודיקער צאָרן אין מיר אויפגעזאָטן
צו די וואָס האָבן — זייערע לעבנס צעטראָטן,
און איך ווייס אַזוי קלאָר איצט מײַן איינציקע שליכעס —
פאַרהיטן דאָס לעבן פון נײַע רעציכעס.

אַפּריל, 1953

עפּיטאַפֿיעס

I

די וואָס איך פֿאַרהיט אין מײַן זיקאָרן,
זיי באַגלייטן מײַנע טריט.
ווען ס'זאָל דער ווײ אַפילו שטעכן ווי אַ דאָרן
אַף דער רויז, — איך ווייס עס גליט
אין מיר זייער קויעך וואָס מען האָט פֿאַרטיליקט.
און וואָלט מיר עמעצער פֿאַרשפּראָכן איצט,
אַז אין פֿאַרגעסונג כ'וועל געפֿינען טרייסט,
ווען לעבן כ'זאָל דאַרפֿן אַפילו מיט ציין פֿאַרקריצט —
אייביק — און ס'זאָל מײַן פּאָנעם
געקאַרבט זײַן ווי די ערד, —
כ'וועל פֿאַרהיטן אַלע די סימאָנים
פֿון די וואָס דערהויבן מײַן אייגענעם ווערט.

II

איך גלויב! די ערד וואָס האָט אײַך אײַנגעשלונגען
און פֿאַרוויגט אין איר אינגעווייד,
אַז נישט זי איז געווען דורשטיק נאָך אײַער בלוט,
נאָר געוואָרן איז זי אַף קויעך אײַער קלייד.
און כ'ווייס זי וואָלט זיך טויזנט מאָל געעפֿנט
צו פֿאַרשלינגען די וואָס האָבן אײַך געטויט,
און זי וואָלט „זיי" טויזנט מאָל ארויסגעשפּיגן
אַז זיי זאָלן נישט פֿאַרמיעסן איר טראַכט —
און זי וואָלט זיך טויזנט מאָל מיט פֿינצטערניש פֿאַרצויגן —
און מיט אַ דונער זיך אַף זייערע קעפּ פֿאַרמאַכט.

איך וועל נישט שווייגן!

דאָס יאָר 1943 רײַסט אויף אין מיר רוי
מיט בלוטיקע וווּנדן ווי רויזן,
און שטעלט זיך אַוועק אַזוי
ווי אַ שאַרפער כאַלעף פאַר די אויגן
ערשט איז עס געווען.
ערשט נעכטן — ווּעסטו שווײַגן?

הונדערט, טויזנט, מיליאָנען געשרייען
פאַרקילן מיר די בלוטן,
און מײַנע אויערן ביז צום פּלאַצן
זאַפּן זיי אײַן.
איך הער זיי,
איך אַליין — בין אַ מיליאָנען־געשריי,
איך וועל נישט שווײַגן!

הונדערט, טויזנט, מיליאָנען אויגן
בויערן דורך מײַן מויעך
און וועבן זיך אײַן אין מײַן בליק
מיט אַ שאַרפן פּײַן וואָס צעשנײַדן
קאָן דעם העלסטן טאָג,
אַז אויסרינען זאָל זײַן ליכט,

ווי אַ מאַפּל־קינד אין אַ מאַמעס טראַכט,
טאָ ווי קאָן איך שווייַגן?

איך וועל אויסשרייַען מיט אַלע מייַנע געוועבן!
ווייַל ס'האָט דער פּייַן
געעפנט יענע טויערן פון זייַן
וואָס מוזן באַזינען:
אַז הייליק איז אַ כאָלעם!
הייליק איז דאָס ברויט!
הייליק איז דאָס לעבן!

ראַשעלן...

(עפּיטאַפּיע)

אַזויפיל ליבשאַפט אויסגעפּלאַמט,
אַזויפיל פריידן אויסגעפּרייט,
אַזויפיל ליכטיקייט פאַרשפּרייט,
מיט קיין שמייכל נישט פאַרזאַמט
און דאָ פּלוצעם אויסגעלאָשן.
איז דערפאַר האָסטו אין אַשן —
געוואָלט דערגליִען וואָס ניט דערצונדן?
זיינען דיינע ווונדן
אַרויף ביז די שטערן —
מיט דיין ליכט אויך זיי באַשווערן.
אַז ווי קאָן מען אין אַ הויפן שטויבן
פאַרוואַנדלען אַזויפיל ליבשאַפט, אַזויפיל גלויבן?

געווים

געווים קאָן מען איצטער פאַרהיטן נאָך אַלץ
דאָס טישטעך דאָס ווײַסע, דאָס ברויט מיטן זאַלץ,
דעם וועג צו דער שול מיט קינדער וואָס רוישן,
דעם כאַלעם פון מאָרגן אין אויגן וואָס בלויט שוין,
דעם פרידלעכן ווילן פון הענט אין פאַרמעסטונג,
דעם ריטם פון הערצער פון ליבשאַפט די פעסטונג
אַף פעלדער דעם שניט וואָס וועט מאָרגן זײַן ברויט,
דעם גלויבן וואָס איינער דעם צווייטן פאַרטרויט.

דאָס אַלץ צו באַשיצן דאָס אַלץ צו פאַרהיטן —
עס קלעקט נישט דאָס פעלד ווו עס מיט זיך דער שניטער.
ניט רוען איך וויל ווען עס ציט מיך צו רו,
נאָר ווייסן איך וויל אַז איך בין ווי דו.

און דו פונקט ווי איך! דו שטייסט אין געוויטער
און איך פונקט ווי דו מיר זײַנען די היטער,
און איך בין ווי דו דעם מאָרגן פאַרטרויט,
און דו און איך — קיין שרעק פאַרן טויט.

די ערד

די ערד קוקט אַרויף
צום הימל
און זעט אַז זי מוז
אים אונטערהאַלטן.

אַ לעגענדע

אַ לעגענדע אַזאַ איז די ערד,
מיט בלויען הימל פֿאַרדעקט
מיט ביימער צעבליטע אין פֿרילינג,
מיט פֿרוכטן געצײַטיקט אין זומער
מיט גאָלדיקע האַרבסטן צעשפּילט,
מיט שימער פֿון שטערן אַף טײַכן,
מיט שמייכל פֿון מענטשן אַף ליפּן,
מיט ברויט פֿאַרקנאָטן מיט שוויים,
מיט מאַמעשע בראָכעס באַגלייט,
מיט קינדערשער פֿרייד צעזונט,
מיט גלוויביקן ליכט אין די אויגן.
ווען איך זאָל דאָס אפֿילע האָבן אויסגעטראַכט—
צו דער לעגענדע וויל איך געהערן!

די האָפֿענונג — זי לעבט נידעריק
ווי אַ גרעזל,
און דערהייבט הויך
ווי אַף פֿליגל.

ווּיפל מאָל

ווּיפל מאָל דער הימל האָט מיט בלוי
זײַנעם געוועקט אין מיר אַ ליד,
און ווּיפל מאָל די הייך אַזוי
פֿאַרכאַפּט האָט מײַן געמיט,
האָט אַלעמאָל געצויגן מערער נאָך די נידער
מיט יעדן גרעזעלע באַזונדער,
און אַרײַן אין מײַנע לידער
מיט בריישיסדיקן נײַעם וווּנדער.

דאָ אַף דער ערד

דאָ אַף דער ערד, דאָ איז מײַן וועלט,
דאָ שטיי איך אַ בוים אין פּרוכטיקן צוויט,
דאָ האָט מײַן לעבן מיט פרייד זיך צעהעלט,
דאָ וויל איך זינגען צום לעבן מײַן ליד.

עס שפּרייט זיך דער הימל אין ליכטיקן בלוי
און איך בין אַ בוים צו ערד פאַרפעסטיקט:
דאָ טרינק איך זאַפטן און פרימאָרגן-טוי,
דאָ האָט זיך מײַן לעבן מיט ליבע פאַרנעסטיקט.

דאָ בליִען די פעלדער מיט ווייצן און קאָרן
דאָ עס איך פון מענטשלעכער פראַצע דאָס ברויט
און טאָמער צעוואַקסט זיך ערגעץ אַ דאָרן,
איז ער פון לעבן פאַרורטיילט צום טויט.

דאָ גייט אויף מײַן וואָר ווי גאָלדיקע זאַנגען,
דאָ בליט יעדער טאָג מיט נײַעם באַגינען,
דאָ מישט זיך מײַן ליד מיט פייגל-געזאַנגען,
דאָ האָט מײַן פרייד מײַן היים געפונען.

נישט וואָגן וועט קיינער מײַן פרייד מיר צעטרעטן,
אין גרויליקסטער צײַט פון האַס און געוויטער,
ווען בייזע קויכעס זיך פאַרמעסטן אין געוועטן,
בין איך דאָ אַף דער ערד איר טרײַער היטער.

איך בין אויך אַ טייל

שיין איז די וועלט, איך קוק מיך אַרום,
טראַכט מיר אַזוי און טראַכט מיר אַ ווײַל:
פון דער וועלט דער שיינער דער גרויסער
בין איך דאָך אויך אַ קליינינקער טייל.

פליסט זיך אַ טײַכל פריילעך און גוט,
פאַרשטיי איך זײַן רויש. כ'פאַרשטיי זײַן געאײַל.
אַזוי רוישט אין מיר און זינגט מײַן בלוט,
ווײַל אויך פון אים בין איך אַ טייל.

אַ שטערן וואָס לײַכט און הימלען ער היט
אַזוי ווײַט איבער טויזנטער מײַל,
נאָר צו מיר זײַן ליכט ציט זיך און ציט,
ווײַל אויך פון אים בין איך אַ טייל.

שפּיגלט זיך אַ שטראַל, פאַלט אַף מיר זײַן שײַן,
גלעט מיך זײַן וואַרעם ליכט אַזוי וויל;
זאַפּ איך זײַן שטראַליקע ליכטיקייט אײַן,
ווײַל אויך פון אים בין איך אַ טייל.

ציט זיך פון נעכטנס דער הײַנט און דער מאָרגן,
בליִען די טעג אין זוניקער שײַן.

פון נעכטנס די ווייטע, פון הײַנט און פון מאָרגן —
בין איך דאָך אויך אַ קלייניגקער טייל.

איז מיר דערפֿאַר אַלץ אַזוי טײַער
געקומען בין איך נישט אָף דערווײַל.
כ'האָב דאָ אין אַלץ אַ גרויסן צושטײַער,
כ'בין דאָך פון אַלץ אַ קלייניגקער טייל.

איך זע דיך מענטש

איך זע דיך מענטש, דו שטייסט איצט דערהויבן
קלאָר איז דײַן וועג ווי דער הימל נאָך אַ שטורעם
קוקסט אומדערשראָקן דעם מאָרגן אין די אויגן,
באַשיצן אים איז גרייט דײַן שטאַרקער אָרעם.

איך פיל דײַן ליבשאַפט אַזאַ ליכטיק-אויפגעהעלטע,
שרעקט מיך נישט דאָס פּאָכען פון שווארצע ראָבן.
„די" וואָס ווילן אײַנשלינגען אַלע וועלטן,
„זיי" וועלן דאָס ליכט מיט פינצטער נישט דערשלאָגן.

וואָס ווייסן „יענע" פון ליבשאַפט דעם פאַרמעגן,
וואָס ווייס אַ ראָשע פון דעם גליק פון געבן,
אַז קרום און טעהאָמיק זײַנען „זייערע" וועגן
און אַף אַ שווערד הענגט זייער אייגן לעבן.

שרעקט מיך נישט פון פינצטערניש פאַרביטערטער געראַנגל
איך זע שוין אויך מײַן מאָרגן ליכטיק אויפגעהעלט,
איך ווייס — שוין נישט ווײַט איז צו דערלאַנגען
אונדזער מאָרגנדיקע פרײַע צוזאַמענדיקע וועלט.

די האַנט וואָס מען גיט אַ צווייטן
ווערט שטאַרקער.
איין האַנט אַליין
איז ווי אַ נעסט אָן פֿייגל,
ווי אַ בוים אָן פֿרוכטן
ווי אַן עלנטע שוים.

אויב דו ווילסט

אויב דו ווילסט זיך מיט מיר פאַרמעסטן
ווי אַ ברודער מיט אַ ברודער,
קעדיי די בלויע הייך דערגרייכן,
גרייט בין איך אַ האַנט דיר געבן.
ס'זאָל אפילע שווערער ווערן
מיר צו שטײַגן אין די הייכן.

נאָר אויב דײַן מיין איז העפקער־קלעטער,
וועל איך מיט דיר זיך נישט פאַרמעסטן,
נישט אַף איצטער און נישט אַף שפּעטער,
נאָר ווי אַן אײַזן שטאַרקע פעסטונג
כ'וועל זיך קעגן העפקער שטעלן,
קעדיי דעם וועג דיר צו פאַרשטעלן.

מאַמע, פֿאַר אַלע נעכט
וואָס נישט דערשלאָפֿן האָסט
פֿאַר אַלע דײַנע פּײַנען,
כ'וויל זאָלסט וויסן,
אַז באַצאָלן כ'קאָן
מיט דעם ליד וואָס דו האָסט מיר געזונגען.

די מאַמע

וואָס וואָלסטו מײַן קינד אַף וועגן מיטגענומען? —
די מאַמע פלעגט מיר בראָכעס מיטן ברויט דערלאַנגען
און איך מיט ציטערדיקע הענט גענומען
האָב דאָס ברויט — געוויקלט אין די זוניקסטע פאַרלאַנגען.

די מאַמע פלעגט מיר אין די אויגן קוקן,
עפּשער וועט זי עפּעס נאָך מיר קאָנען געבן,
און לײַכטער איז געוואָרן לאַסט אַף רוקן,
גרינגער איז געוואָרן מיר דאָס לעבן.

אַלע בראָכעס פון דער מאַמעס ליפּן
כ׳האָב געקושט ווי ס׳קושט די בלומען אויס א רעגן
אין די ווײַטן — מיט היים זיי פלעגן מיך פאַרקניפּן
און באַגלייט מיט שײַן מיך אַף די וועגן.

און כאָטש נישט גרינג איז צו דערלאַנגען
דאָס וואָס ס׳ווינטשן מאַמעס ליפּן, מאַמעס אויגן,
האָבן אַלע אירע ליכטיקע פאַרלאַנגען
געזאַפּטיקט אין מײַן לעבן, אין מײַן גלויבן.

און באַגלייטן נאָך ביז היינט מיך אַף די וועגן,
און איך הער די בראָכעס פון אירע ליפּן פליסן,
ווי אַף זאַנגען פרילינגדיקער רעגן
און בענטשן מיר מײַן יעדן ביסן.

ווי אַ טײַך

ווען איך קוק אין טײַך וואָס זײַן וואַסער איז קלאָר ווי טוי,
און כ׳זע אַפּן דנאָ דאָס זאַמד וואָס ער האָט פון שטיינער צעמאָלן,
ווייס איך אַז געבליבן איז ער דאַווקע קלאָר אַזוי,
ווײַל ער איז דורך שטיינער געגאַנגען דורך בערג און טאָלן.

שרעקן מיך נישט אַף מײַן וועג קיין שטרויכלען קיין שטיינער,
ווי דער טוי זאָל זײַן מײַן בליק ריין און קלאָר.
איך וועל זיי מיט די הענט צעמאָלן, צעבײַסן מיט די ציינער —
ס׳זאָל ליכטיק אויפקומען מײַן לעבן און מײַן וואָר.

איך זע: פון שוואַרצער ערד קומען דאַווקע גאָלדיק אויף די זאַנגען
און פון פינצטערער נאַכט גייט אויף דאָס ליכט פון טאָג,
פון טיפן ווי צומאָל קומט אויף אַ ליד מיט זיסע קלאַנגען
און כ׳פאַרשטיי דעם זין פון לעבן און יעדן אָל וואָס כ׳טראָג.

מײַן לעבן איז ווי אַ טײַך וואָס פליסט דורך בערג און טאָלן,
אַמאָל איז קלאָר, אמאָל מוטנע אויפגעברויזט מײַן בליק,
אַזוי ווערט פון שטיינער דאָס זאַמד געמאָלן —
אַז דורך שטרויכלען און שטיינער איז דער וועג צום גליק.

קינד פון מאָרגן

דו קינד פון מאָרגן — אין דיר האָבן מיר „פאַרקערנט״
אַלע אונדזערע פאַרלאַנגען,
ווען „געזייט האָבן מיר מיט טרערן״
און אונדזער מי איז אויפגעגאַנגען
מיט בליִונג, און צום שניט
איז מען געגאַנגען;
שווער באַלאָדן
האָט אונדזער ליד
געטראָגן שוין די זיסקייט פון אַ יאָדער,
וואָס דאַרף אויפקומען אין דיר.
איז יעדער זון־אויפגאַנג —
געווען ברייִשעסדיקע אַנטפּלעקונג
כאָטש נישט איינמאָל האָבן נאַכטיקע שרעקן
געוואָלט דערוואַרגן דעם ליכטיקן מאָרגן.
דעמאָלט ביסטו אויפגעקומען
פאַר די אויגן,
ווי עס קומט אויף נאָך אַ שטורעם
אַ רעגנבויגן,
און געעפנט אונדזער גלויבן,
ווי פרילינגדיקע שפּראָצן אַף דער ערד.
איז גוט צו וויסן דעם ווערט,
פון יענער זריִע
און צו וויסן אַז אַלע מיִען,
זייַנען נישט געווען אומזיסט,
און גאָרנישט פאַרדריסט
אַפילע יענע טרערן
ווייַל אין דיר האָט אונדזער גלויבן זיך „פאַרקערנט״.

נאָקטורן

וואָס בין איך אין דער נאַכט?
אַ שטערן אַ לײַכטנדיקער —
אַ פֿונקעלע אַ קליינס פֿון לעוואָנע־שײַן?
וואָס יאָגט זיך נאָך דעם שוואַרצסטן שאָטן —
קעדיי מיט ליכט אים אויסצוראָטן?
ווער ס׳וויל דעם טאָג פֿאַרגעסן אין דער נאַכט,
און איך טראָג אים אין מײַן בלוט,
דערפֿאַר איז מיר גוט.
דאָס מינדסטע פֿעדעמל ליכט,
אין מיר, לעבט —
און באַגלייט מײַנע טריט —
ווען ניט —
וואָלט איך אַ בלינדער דורכן טאָג געגאַנגען,
אויב דאָס ליכט וואָס ס׳זאַפּן אײַן מײַנע אויגן —
זאָל מיר נישט קאָנען באַלײַכטן די נאַכט? —
האָב איך מיך נאָך נישט אויסגעשיילט פֿון אור־טראַכט.
אויב כ׳בין אַ פֿעדעמל ליכט אין דער נאַכט?
וועל איך פֿירן די נאַכט צום ליכט־ברעג,
איך וועל באַלײַכטן, דער נאַכט, צום טאָג דעם וועג.

אַ לופּטיקע פּלאַנץ

איך זע אַ לופּטיקע, אַ נישט-באַהעפטע פּלאַנץ —
פון וואַנען נעמט זי אירע זאַפטן?
און באַלד ווי כ׳וואָלט צו איר זיך אויך פאַרגאַנצט
מיט צאַפּלדיקע לעבנס-האפטן.

אין מיר די האפטן נישט קיין לופטיקע זיי זײַנען,
נאָר וואָרצלדיקע, טיפע און כ׳מיין אויך אייביק,
ווען נישט וואָלט יעדער שטרויכל מיך געקאָנט פאַרניינען
איז ווי וואָלט איך געקאָנט זײַן גאַנץ און גלייביק?

איך האָב נישט ליב קיין ציפערן
וואָס נעמען מיר דערווײַזן,
אַז עפּעס ווערט מער
אָדער ווינציקער.
נאָר כ'האָב ליב דעם ציפער
וואָס לאָזט קיין מאָל
נישט זײַן אַליין.

צווישן מענטשן

עס מאַכט זיך צווישן מענטשן אין אַ העלן באַגינען,
ווען איך בין דאַווקע אויסגעמישט מיט אַלעמען צוזאַמען,
ווי איך וואָלט מיך אין פּרישער יעצירע אָפּגעפונען,
ווי אַ קינד וואָס דערפילט זײַן קויעך באַם נאָפּל פון אַ מאַמען.

דעמאָלט דערפיל איך פון טריט צעוויגטע דעם קלאַנג,
וואָס עלנט האָבן זיי ערשט אַזוי טעמפּ געהילכט אַף שטיין.
איך דערפיל אַ טיפן זין אין ברייט-צעפּלייצטן גאַנג,
און ס'ווערט מיר אַזוי גוט אַ קלאַנג אין גרויסן כאָר צו זײַן.

דאַווקע ווען איך בין אין גרויסן דראַנג קימאַט אַנזיכטיק
מיט מײַן קליינעם ווײי וואָס ווערט אַף מיליאָנען אַקסלען געטראָגן,
ווער איך נישט פּאַרלוירן, נאָר פיל מיך שטאַרקער וויכטיק,
ווי איך וואָלט דעם דראַנג פון מיליאָנען הערצער פאַרמאָגן.

איך דערפיל פון מיליאָנען הערצער די פרייד וואָס שטראָמט און זינגט,
ווען אפילע שטיינער אַפן וועג שנײַדן זיך אין פיס ביז בלוט.
ס'איז מיר אַזוי וויל אין גרויסער קייט צו זײַן אַ רינג,
ס'איז מיר גרינג ווײַל אויך אַנדערע ווערט גרינג און גוט.

ווען איין מענטש דעם צווייטן
איז אַ ברודער,
איז דער וואָלף
נישט קיין געפֿאַר.

מענטש

מענטש! דו קרוין פון אַלע וועלט־באַשאַפן,
דו האָסט געבויט אַ שוועל
און געמאַכט פון איר אַ האַפן,
פאַר דײַן היים דײַן וועלט.

מענטש! דו קרוין פון אַלע וועלט־באַשאַפן,
עפּשער טיפער איז דײַן וויי,
נאָר ווער ווי דו קאָן אַזוי האָפן
אויף ליכטיקן פאַרזיי?

ווער ווי דו קאָן אַ טיש פאַרשפּרייטן,
ס׳זאָל די עלנט פון היים אויך וויסן?
און אַ קאָפּ אין שווערע נויטן
אָפּגעבן אַ ווײַסן קישן?

ווער ווי דו אַ וועלט אויף דער האַנט
קאָן אַ צווייטן אונטערטראָגן,
אַז דערפילן ער זאָל אַ פרײַנט —
דאָס זײַנען מענטש דײַנע גאָבן.

סאַנטיאַגער מאָטיוון

1

איך האָב געזוכט אין געלע, אָפּגעברענטע גראָזן
דאָס האַרץ, פֿון דער ערד,
און צעשטאָכן כ׳האָב די הענט ביז בלוט
און דערהערט:
עס קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון דער ערד,
וואָס בענקט נאָך הענט
בענקט נאָך מאַיִם-כּאַיִם,
בענקט מען זאָל זי אויספּענטען פֿון קייט.
און כ׳האָב מיר דערפֿרייט,
כ׳וואָלט זי די ערד אַרומגענומען —
אַזאַ בענקשאַפֿט — מוז מיט ברויט אויפֿקומען.

2

איך ווייס, דו האָסט אײַנגעזאַפּט געניג טרערן
און געבוירן האָסט אַ שטעכיקן דאָרן,
וואָס, כאָטש נידעריק בײַ דער ערד,
קאָן דעם הימל צעשטעכן מיט זײַן צאָרן.
און איך אַליין וואָלט אין דיר זיך „אײַנגעאַקערט”,
אויב ס׳וואָלט פֿון דעם אויפֿגיין נאָר אַ זיסער זאַנג
מיט אַ לעבן אַ ברויטיקס און געשמאַקס
ס׳זאָל איטלעכער טאָג אויפֿקומען מיט געזאַנג.
ס׳זאָלן קינדערשע בעקלעך זיך רונדיקן ווי ברויטן,

ניַשט ווי דאָרנס אַף צעפּלאַצטער ערד, דאַר,
און אַרויסקוקן זאָל אַ פרייד פון זייערע אויגן
און ניַשט אַ שטומער ניַשט־געשטילטער צאַר.
און איך ווייס: איך און דו, ווי צוויַיגן פון צוויי באַזונדערע שטאַמען,
נאָר מיר ביידע — קאָנען דאָס באַוויַיזן צוזאַמען!

ריאָ האָנדאָ, 1962.

סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ — אַ פּראָווינץ אין אַרגענטינע.

פֿרײַנטשאַפֿט איז ליכט
וואָס האָט נישט מוירע פֿאַרן שאָטן
דער שאָטן ווײַזט דאָך אָן
אַף דער ליכטיקייט.

ליבשאַפֿט

ברודער! כ׳וויל זאָלסט זען אין מײַנע אויגן
אַזוי קלאָר די ליבשאַפֿט וואָס איך טראָג,
ווי ס׳זײַנען קלאָר די פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן,
ווי קלאָר דער אויפֿשפּראָץ פֿון אַ נײַעם טאָג.

איך קום דיר מיט מײַן ליבשאַפֿט איצט אַנטקעגן,
ווי די זון דעם טאָג מיט שטראַלן אויפֿגעהעלט,
ליב און טײַער זײַנען מיר די אַלע וועגן,
וואָס פֿירן צו אונדזער ליכטיק־פֿרײַער וועלט.

און טאָמער אַמאָל, ברודער, זײַ מיר מוחל,
כ׳בין פֿון צווייפֿל ווען געפּרוּווט געוואָרן,
אויך די זון מיט שאָטן ווערט געשטרויכלט,
אויך זי וואַרעמט אוים אַמאָל אַ דאָרן.

עלנט איז נישט
דער מענטש וואָס האָט
נישט קיין ברודער,
נאָר דער וואָס קאָן נישט
זײַן קיין ברודער.

יעדן זון-אויפגאַנג

דעם זון-אויפגאַנג פאַרטרוי איך זיך אײַנגאַנצן,
ווען כ׳טראָג אפילע אַ פּיצל נאַכט נאָך אין די אויגן
כ׳וואָלט זיך טויזנט מאָל אין יעדן טאָג פאַרפלאַנצן
און טויזנט מאָל מיט ליבשאַפט אים באַוווּיגן.

איך ווייס דורך נאַכט איז שווער אַדורכצוטראָגן
די ליכטיקייט אָן שטרויכל גאַנץ,
דאָך — ווער קומט דעם בוים דעם טאָג אָנזאָגן
אַז ער זאָל שטיין אין צוויטן-גלאַנץ?

אַקעגן טאָג ווי ס׳וואָלט די נאַכט אַף אים קיין שליטע
נישט געהאַט מיט איר לוויער,
אַזוי וועל איך מײַן ליכט אויסטראָגן און פאַרהיטן —
אין לעבעדיקן וואַרצלדיקן דוויער.

און יעדן זון-אויפגאַנג אַפּסנײַ זיך אָנפאַרטרויען
מיט יעדן צאַפּל פון מײַן מינדסטן פינגער
דער טאָג פאַרטרײַבן וועט אַיעדן לוויער
און כ׳וועל די נאַכט באַצווינגען גרינגער.

איך בין מעקאַנע דעם גלאָק

איך בין מעקאַנע דעם גלאָק,
וואָס קאָן זײַנע קלאַנגען
אַזוי אָפּן און דורכזיכטיק —
פון זיך אַרוים דערלאַנגען.

איך בין מעקאַנע דעם גלאָק,
וואָס איז נישט באַשיידן,
און באַהאַלט נישט זײַן קאָל
אין האַלבע גערײדן.

איך בין מעקאַנע דעם גלאָק,
וואָס קאָן אַזוי אָפּן
אין לופּטיקן ציטער
אַ מאָנען אַ שטראָפן.

איך בין מעקאַנע דעם גלאָק,
וואָס אין העלע פאַרטאָגן
ר'וועט אַ ליכטיקע בסורע —
איבער וועלטן צעטראָגן.

באַ אָט דעם פּייער

אַז מען זאָל מיך ווען דערמאָנען,
וועלכע אָנגעבן סימאָנים?
אַז וואָס טײַער כ׳האָב געהאַלטן,
כ׳האָב פאַר קיינעם אויסבאַהאַלטן.

אַז אַלץ וואָס שיין און האָט אַ זינען
כ׳האָב אַ יעדערן פאַרגונען.
זאָל איך נעמען זיך אויסרימען
מיט אָט דעם צי יענעם סימען?

גייט עס מיר נישט אינעם לעבן.
אַז גוט געווען איז גיין דערלעבן!
און אויב געגעבן, כ׳האָב גענומען —
ווי אַ פעלד נעמט אויף אַ זאָמען.

אויב געטיילט כ׳האָב וואָס איז טײַער,
ווײַל געוואָרעמט ס׳האָט דאָס פײַער,
וואָס צוזאַמען ברענגט אונדז פרייד
און אין אַ נויט אויך נישט צעשיידט.

איז דערמאָנען זאָל מען מיך — באַ אָט דעם פײַער
אויב געבראַכט האָב איך אַ פונקעלע צושטײַער.

אַז מיין פרייד...

אַז מײַן פרייד פול זאָל זײַן
איז נישט געַנוג פון טאָג די שײַן,
נישט גענוג איז מיר מײַן זעט,
נישט גענוג מײַן ווײַסע בעט.

נישט ווײַל אַלץ איז מיר צו ווינציק
נישט ווײַל איך בין אַזוי גײַציק,
נאָר איך מוז זיך אויך דערווויסן —
ס׳זאָל באַקומען מיר מײַן ביסן,—

אַז אויך דו ווייסט פון אַ זעט
אַז נישט באַדראַט איז אויך דײַן בעט,
קיינער רויבט בײַ דיר די שײַן —
דאַן ערשט פול מײַן פרייד וועט זײַן.

גליקלעכע שפּירונג

גליקלעכע שפּירונג

אַזויפיל הויכקייט,
אַזויפיל רוים,
אַז איך זע מיך קוים,
קוים אַרוים.
ווי אַ גרעזל אַ גרינס
אַף הויכן באַרג,
אַ פעלדזיק אָדערל
אַ דינע שפּירונג פון שטיין.

ציטערט דאָס דינינקע גרעזעלע,
אָטעמט דער באַרג מיט גוואַרע,
וואָלקנט זיך דער הימל
פון זײַן יעדן אָטעם.
שוימט אַ ריטשקעלע
פון זײַן אינגעווייד —
שוימיק בלוט.

און איך — אין מיר זינגט
מײַן בלוט אַ ליד, —
אַ ליד צום באַרג, צום הימל.
גאַרנישט איז פאַרפעלדזיקט
אין מיר,
אַלץ איז אַזוי דין,
אַלץ איז שפּירונג,
גליקלעכע שפּירונג,
גליקלעכע שטוינונג.
איך קאָן אַלץ אַזוי ווייך
אַרײַנעמען אין זיך.

כוכוי, 1963.

אַ רעגנבויגן

מיט פּאַסן פון קאָלירן זײַנע זיבן,
האָט אָפּן הימל זיך צעשפּרייט א רעגנבויגן
און די לעצטע זאָרג פאַרטריבן
פון דעם הימלס וויינענדיקע אויגן.

דורך די וואָלקנס זיך אַדורכגעריסן,
ווי די זון מיט אירע שטראַלן
קעדיי מיט רויט פון זונענשײַן פאַרזיסן —
די טראָפּנס וואָס אַף זאַנגען פאַלן.

און די לעצטע טראָפּנס דורכגעלויכטענע זיך צאַפּלען
ווי אַ טרער פון פרייד אין מאַמעס אויגן,
וואָס בלישטשענדיקער מאַכט נאָך די שוואַרצאַפּלען —
ווען אויפגעשײַנטע ווערן זיי מיט גלויבן.

דער אָדלער קאָן פֿליִען הויך,
נאָר ער באַנעמט נישט דעם זין
פֿון זײַן פֿלי;
ווען נישט וואָלט ער געפֿילט
אַז וואַרעמקייט
איז דאָ נאָענט צו דער ערד.

אַף הויכן באַרג

אַף הויכן באַרג וואַקסט אַ בוים,
וואָרצלט ער זיך אײַנגעבויגן,
צאַפּלען צווײַגן אינעם רוים
האָבן מוירע זיך באַוועגן,
קוקט דער בוים אַראָפּ צו ערד,
פאַרבענקט מיט גרינע אויגן,
ווייסט איר מענטשן כאָטש דעם ווערט
פון וואַקסן אויסגעצויגן?

כוכוי, 1963.

שקיע

ליגט די זון צופוסנס באַם הימל,
טוליעט זיך צו מאַמע־ערד,
לייגט צוקאָפּנס זיך אַ בלימל,
אָטעמט שטיל אַז קוים מען הערט.

טוליעט זיך די גאַנצע ערד,
ווייל דער זון זײַן אַ צוקאָפּנס,
קוקט לעוואָנע שטיל פאַרקלערט,
טריפט מיט זילבערדיקע טראָפּנס.

און די לעצטע שקיע־שטראַלן,
ווי אַף האַלדז אַ שנירל פערל,
צאַפּלען זיך אַף ערד און פאַלן,
ווי פון מאַמעס אויג אַ טרערל.

זינגען גאָלדיק אויס די זאַנגען
זייער ליד קעגן די שטערן
אַזאַ זיסקייט איז אויפגעגאַנגען
אינעם קליינעם פולן קערן.

האַלט אַ דאָרן אײַן דעם אָטעם
פאַרן לעבעדיקן ווערן,

אַז אַלע ליכטיקע געבאָטן,
האָט אַ זאַנג אין זיך „פאַרקערנט”.

לייגט די זון זיך רויִק שלאָפן
אַזויפיל ליכט אַרום פאַרשפּרייט
איז די נאַכט אויך פול מיט האָפן
פאַר דער מאָרגנדיקער פרייד.

שטערן אַפן הימל,
אַזויפֿיל שטערן.
זיי אַלע
האָבן געשאַפן
דאָס ליכט
אין מײַן אויג.

די נאַכט

די נאַכט פאַלט צו,
מיט שטילע טריט,
מיט רו, מיט רו
מיט ליד.
מיט זילבערנעם ציטער
פינקלען די שטערן,
ווי שטייניקער שפּליטער
וואָס איז ערשט געבוירן.
אין נאַכטיקן שאָטן
קאָן אַ קאַלוזשע ווערן
מיט פינקלען באַשאָטן —
ווי אַ הימל מיט שטערן.
און ווען געזאַנג פון די גרילן
די נאַכט נעמט פאַרוויגן
מיינען זשאַבעס אַפילע
עס וואַקסן זיי פליגל,
אַז אַ זומפּ איז אַ הימל
און זיי זײַנען דערפלויגן
צום שטערן-געווימל,
צום ליכטיקן אויבן.
אַז ס'זאָל זומפּ זיך נישט מישן
מיט הימל מיט קלאָרן,
דער טאָג נעמט פאַרווישן
די נאַכטיקע שפּורן.

די לעוואָנע
שפּיגלט זיך אין יאַם
אַ גאַנצע נאַכט,
און אין פרימאָרגן
באַהאַלט זי איר בלאַס געוואָרן
פּאָנעם הינטער דער זון.

אָונטיקער פּייזאַזש

גערקומען איז די זון צום יאַם
מיט איר לעצטן אָטעם,
געמיינט זיך לייגן שלאָפֿן סטאַם
וועט איר דאָ געראָטן.

איז אָוועק אַ דינער פּונק
זיך צום יאַם אויסבאָדן
און פֿאַרזוכט פֿון יאַם אַ טרונק,
זיך אָנגעפּילט מיט גנאָדן.

האָט די זון רויט פֿאַרשעמט
אויך זיך אײַנגעטונקען,
האָבן כוואַליעס ווי מיט הענט
געקליבן גאָלד פֿון פּונקען.

שטראַלן זוניקע פֿאַרשפּונען
אין די האָר די ווײַסע,
אַז ווען קומען וועט לעוואָנע
בורשטינען זאָלן פֿלייצן.

און די זון מיט ליפּן נאַסע
קושט די נאַכט די שטילע,
לעוואָנע מיט איר פּאָנעם בלאַסן
שעפּטשעט שטיל אַ תּפֿילה.

א יי ב י ק

אייביק כ׳וועל דיר זינגען, אייביק,
וועלט מײַנע פון לויב מײַן ליד,
איך בין יונג נאָך, איך בין גלייביק,
כ׳וויל ווי דו נישט ווערן מיד.

יעדן טאָג זיך צו באַנײַען
מיט דײַן זוניק-העלער פרייד,
אַז מיר זײַנען דאָך אין צווייען
דעם לעבנס ליכטיקער באַשייד.

אויב אַ כאָלעם איז פאַרפלויגן,
נישט געקאָנט האָט ווערן וואָר,
איז נישט געמאָסטן נישט געוווגן,
און די קויכעס נישט געשפּאָרט:

וועלן מיר דעם וועג געפינען
צו יענער וווּנדערלעכער בריק;
ווײַל מיר ווייסן דאָך דעם זינען
פון שווער פאַרהאָרעוועטן גליק.

פרילינג

כ׳בין אוועק נאָך העלן קלאַנג,
כ׳בין אַרוים דיר הײַנט אַנטקעגן,
כ׳האָב דערהערט דײַן צאַרטן גאַנג
אַף סאַמעט אויסגעגרינטע װעגן.

ס׳האָט צעזונגען זיך אין מיר,
אויפגעגאַנגען העל און קלאָר
פרילינג־לעבן, פרילינג־שיר
פונקט װי נײַע אַכצן יאָר.

כ׳האָב פאַרגעסן באַלד דעם װינטער
איז װאָס אַז כ׳האָב אַ גרויען האָר?
ס׳האָבן ביימער שוין באַנײַט זיך
פרילינגדיק עפשער הונדערט יאָר.

פיל איך װי אַ בוים עס שפּראָצן
נײַע קנאָספּן בלעטער גרינע,
און מײַן האַרץ װערט אָנגעגאָסן
פול מיט האָפענונג און ליבע.

דאָס לעבן איז אַ ליד,
וואָס ווערט קיינמאָל נישט אַלט
און גייט קיינמאָל נישט אויס.

לעבן

לעבן! לעבן! לעבן!
שרײַען אַלע געוועבן.
אַזוי ווילד,
אַזוי מילד
אַזוי קינדעריש צעשפּילט.
וויפל צאַפּלדיקע שרעקן,
ערעוו ליכטיקן אַנטפּלעקן.
און איך זאַמל אַלץ אין גאַרבן
שענק דעם לעבן, שענק דעם האַרבן.
עס איז גוט אַזוי דערפילן:
ווידער, ווידער קומט דער פרילינג.
עס איז גוט אַנטקעגנקומען
יעדן נײַעם, פולן זומער,
אַלדאָס שיינע נישט פאַרשווײַגן,
ווי אַ סאָסנע קאָנען שטײַגן,
און דערגרייכן
אַלע הייכן
אײַנגעפרילינגטע אין גלויבן
און צו זיי כ׳זאָל זיך דערהייבן...

איין וואָרט אַזאַ זאָגן,
וואָס זאָל ווי בליאַסק אַף טאָג זײַן,
ווי פרילינגדיקער גרין,
ווי פרייד פון אָפּגעפינען
אַ פרײַנט —
דאָס איז גליק.

גליק

קיין סאָך דאַרף איך טאַקע נישט צום גליק,
גענוג איז די פרייד אין קינדערשן בליק,
ס'זאָל זיך מײַן האַרץ ווי אין פרילינג אַ בלימל
מיט פרישער יונגקייט פאַרטרויען דעם הימל.

קיין סאָך דאַרף איך טאַקע נישט צום גליק,
עס באָדט זיך מײַן פרייד אין מאַמעשן בליק;
גענוג ס'זאָל אַ ווארעמע האַנט טאָן אַ גלעט,
אַז זאַפטיק און פרוכטיק זאָלן ווערן מײַנע טעג.

קיין סאָך דאַרף איך טאַקע נישט צום גליק,
גענוג ס'זאָל מיך פירן אַ זוניקע בריק
אױפן וועג ווו ס'האָט גלויבן געשטעלט זײַנע טריט
אין מײַן האַרץ ווערט אַ פרילינג אַף אייביק צעבליט.

קיין סאָך דאַרף איך טאַקע נישט צום גליק
נאָר גרייט כ'בין פאַרהיטן די פרייד נאָך אין וויג
פון יעטוועדן בייז פון יעטוועדן קריג —
דאָס איז דער זין פון מײַן פרייד פון מײַן גליק.

באַם וואַסערפאַל

שטראַלן, שטראַלן־זוניקע שטראַלן
צונויפגענומענע אין סטויגן;
פון אַ הויכן באַרג זיי פאַלן
און פאַרבלענדן מיר די אויגן.

די זון די ערשטע איז געקומען
זען דאָס וואַסער פאַלן,
און געבוירן טויזנט זונען
פון אירע פריִע שטראַלן.

געקומען איז אויך דאָ צו לויפן
אַ בלייבע די לעוואָנע,
און זילבער אָנגעשיט מיט הויפנס
פון איר זילבער פּאָנעם.

שטערנדלעך מיט גליִ און גלאַנץ
האָבן זיך צעפינקלט
און צום שימער זיך פאַרגאַנצט —
מיט דימענטענעם שפּרענקל.

אויך מײַן ליכט כ׳האָב דאָ געפונען
אין שײַן פון רעגנבויגן
ס׳זײַנען שטערן, זון, לעוואָנע
אַרײַן מיר אין די אויגן.

קאַטאַראַטאַס דעל איגוואַסו, 1966.

אײביק פֿאַרװוּנדערט

אַ פּאַלמע באַם װאַסערפֿאַל צופֿוסנס
שטײט שױן יאָרן עפּשער הונדערט,
נאָר פֿון די בלױע װאַסערפֿלוסן
הערט נישט אױף צו זײַן פֿאַרװוּנדערט.

ס'האַלט דער שטראָם זי אין באַשפּריצן
און באַפּערלען אירע בלעטער
די קרױן מיט פֿיליגראַנען־שפּיצן,
אין די רױמען איז פֿאַרקלעטערט.

געװען אַ קוסטל אַ צעציטערטס,
װי גרעזעלעך, די בלעטער דינע,
אַקעגן שטראָמיקן געװיטער.
זיך גענומען בלאַסלעך גרינען.

כאָטש צום װאַסערפֿאַל אַ שטאָלצע
זי קוקט שױן עפּשער יאָרן הונדערט,
מיט שטאַם פֿאַרװאָרצלטן פֿאַרהאָלצטן,
איז װי אַ קוסטל, אַלץ פֿאַרװוּנדערט.

און איך קאָן זי גוט פֿאַרשטײן,
אױך איך װאָלט אײביק זײַן פֿאַרװוּנדערט
װען בלײַבן כ'זאָל צופֿוסנס שטײן,
װי זי אַפֿילע יאָרן הונדערט.

קאַטאַראַטאַס דעל איגואַסו, 1966.

אַף צו קומען פֿרי
איז גענוג אַרויסגיין פֿריִער;
אַף צו קומען צו דער צײַט,
מוז מען לעבן מיט דער צײַט.

אַ בוים אין ערעוו פרילינג

ס׳ציטערט די קאָרע מיט פראָסט נאָך באַצויגן,
אָן בלעטער נאַקעט סטאָרטשען די צווייַגן,
קנאָספּן פאַרמאַכט נאָך ווי בלינדע אויגן,
דאָך טרייסלט דער בוים זיך שוין אָפּ פון זייַן שווייַגן.

געטראָגן דעם פרילינג ווי אַ צאַוואָע,
ווי אַ מאמע מיט ליבשאַפט געזען אים פאַרהיטן
ווען ווינטן ווי הונגעריקע וועלף האָבן געוואָיעט,
ווען דאָס לייַב האָט געריסן אָף שטיקער געוויטער.

איז איצטער באַפרייַט פון מוירע פון שרעקן,
ריזלען די זאַפטן זייער שליכעס דערפילן,
אין גליקלעכער שטוינונג ווידער אַנטפּלעקן,
ברייִשעסדיק נייַ דעם פאַרבאָרגענעם פרילינג.

קוק איך: דער בוים איז צעקאַרבט און צעשניטן,
פון האַרבסטן און ווינטערס אַרום אומגעבויגן,
ווי קאָן איך, אַ מענטש אין שאָ פון געוויטער,
נישט דערפילן מיט כּושים דעם זין פון מייַן גלויבן?

באַהעפטונג

עס הוידעט זיך אַף צווײַג אַן עפּל
ווי אין אַ זוניק וויגעלע אַזוי,
ווי אין פרימאָרגנדיקן נעפּל
אַף אַ בוים אַ טראָפּן טוי.

קושט דער צווײַג די עפּל-באַקן
רינט די זשיווּעצע ווי בלוט.
עפּל און צווײַג זיך קוויקן קוויקן,
פון דער באַהעפטונג ווערט מיר גוט.

יוגנט

איך נעם דערמאָנען יענעם פלאַם.
פון אַ טאָג וואָס איז פאַרגאַנגען,
פון אַ רווישנדיקן יאַם,
פון אַ פעלד צעפלייצטע זאַנגען.

איך אַליין מיט גרינגע פיס
און נאָך גרינגערן געמיט
עס טוט ווי אַ פויגל זיך אַ ריס —
אין די הימלען גלײַך עס פליט.

איידער כ'קאָן דעם פלי דעריאָגן
ווי ס'וואָלט אַ יאַם די נאַכט פאַרשלונגען
און עס נעמט שוין ווידער טאָגן —
שטייט און לאַכט פון מיר די יוגנט...

ליבע

אָנגעגנומען בײַ די הענט
זײַנען זיי אַזוי געגאַנגען
שושקען סוידעסדיק זיך זאָגנגען —
ליבע...

פריש און נײַ זײַנען די וועגן
ווער ווי זיי האָט דען געקענט
באַטרעטן אָט די וועגן?
לאַכט אַ נעכטיק טראָפּנדל פון רעגן —
ליבע...

איז דער טאָג ווי גאָרנישט אויסן
אָף שפּיצפינגער שטיין געבליבן
נאָר די הערצער רוישן רוישן —
ליבע...

עפּענען ליפּן זיך ווי בלומען
שעפּטשען אין דער שטיל אַ נאָמען
שמייכלען פייגל אין די נעסטן —
ליבע...

גערענקסטו?

געדענקסטו אונדזער ערשטן שפּאַציר?
דײַנע אויגן זונען־שטראַלן
און געגאַנגען זײַנען מיר,
ווי אַ כאָסן מיט אַ קאַלע.

עפּעס האָב איך דיר געזאָגט
און געגלאַנצט האָבן דײַנע ציין,
ווי דער יאָם אַנטקעגן טאָג
און געזאָגט: אַ! יאָ אַ! ניין.

יאָ! ווי זיס, ווי צוקער זיס,
און ווידער ניין און ווידער ניין!
ס'קאָן אַ בין נאָר געבן אַזאַ ביס,
ס'זאָל די זיסקייט גלײַך פאַרגיין.

נאָר געלאַכט האָסטו מיט ציינער
ווי אַ הימל לאַכט מיט שטערן,
אַט דאָס לאַכן, אויצער מײַנער,
היינט איך הער נאָך, איך וואָלט שווערן.

אַ טרער

איך האָב געזען אַ טרער אין דײַנע אויגן,
אַ גלאַנציקע אַ גלאַטיקע צעשימערט,
ווען כ׳זאָל נישט וויסן אַז ס׳האָט אַ טרויער זי באַוווינט,
וואָלט אָט די שיינקייט גאָרנישט מיר געקימערט.

ווען איך זאָל וויסן אַז סע איז דיר לײַכט
מיט אָט דעם זילבער־בליאַסקעדיקן צאַפּל,
ווי לײַכט צעפּלאַפּלט ס׳איז אַ כוואַליע אינעם טײַך
וואָלט איך באַשווירן אָט דעם גלאַנץ אין דײַן שוואַרצאַפּל.

נאָר עפּעס דריקט דײַן טרער — זי איז נישט גרינג,
אַז ביזן האַרצן טוט דער ווײ זיך אַ פאַרזויג,
איז נעם אַרײַן מיך אין דײַן טרער, דערטרינק,
און אויסטרינקען זאָל איך דעם טרויער פון דײַן אויג.

אַ בריוו

כ׳בענק נאָך דיר מײַן טײַערער,
דו שטייסט מיך פאַר די אויגן,
כ׳וואָלט דורך יאַם און פײַערן
צו דיר איצטער געפלויגן.

קאָן אַ בריוו דען איבערגעבן
ווי כ׳בענק נאָך דיר מײַן ליבער?
ווי קאָן מען אויסמאָשלען מײַן לעבן,
וואָס טיף אין האַרץ פאַרקליבן.

ווען כ׳שטעל די אויסיעס אַף פאַפיר
כ׳וויל דורך מײַנע רייד
איבערגעבן עפּעס דיר
פון דעם וואָס מיר געשעט.

נאָר כ׳זע איך וועל נישט קענען
די געפילן אויסגעשטאַלטן,
דערפאַר וועל איך מיר שעמען
און כ׳וועל דעם בריוו באַהאַלטן.

גערענקסטו?

גערענקסטו יענעם אַמאָל?
אַף וועגן,
ווען ס׳האָט באַרג און טאָל
פֿאַר אונדזערס וועגן
זיך צעגרינט צעבליט,
און מיר אין דער מיט
זײַנען געבליבן שטיין.
אײַנהאַלטן יענע מינוט —
אַך ווי גוט!
איז טאַקע אַלץ שוין פֿאַרי׳בער
זאָג ליבער
ווי קען דאָס זײַן?
איך זע נאָך יענע שײַן,
וואָס האָט אונדז ביידן
צונויפֿגעפֿירט
אַף נישט צעשיידן
קיינמאָל.
עס גרינט אויך הײַנט באַרג און טאָל
און מיר אין יענעם אַמאָל
האָבן זיך פֿאַרפֿלאָנצט
און פֿאַרגאַנצט.
ניין ליבער!
ס׳איז נישט פֿאַריבער,
עס הויבט זיך אַלע מאָל אָן!

אין ליד

אין ליד

אין ליד וויל איך מיך נישט אויסבאַהאַלטן,
ווי אַ פויגל אין זײַן נעסט פאַרן שטורעם,
כ׳וויל זיך אין ליד אויסגעשטאַלטן,
אין ליד כ׳וויל געפינען מײַן פורעם.

אין ליד וויל איך זיך נישט פאַרלירן,
ווי ס׳פאַרלירט זיך אַ טראָפּן אין יאַמען,
נאָר אויפקומען מיט בליונג יעצירע,
ווי פון ערדישער אינגעווייד אַ זאָמען.

כ׳ווייס, נישט אַלעמאָל איז אַ בלויער דער הימל,
נישט אַלעמאָל דער הימל אויסגעשטערנט,
אין ליד קאָן אויך וועלקן אַ בלימל
און עס מישט זיך די פרייד אויס מיט טרערן.

איך וויל אין דעם ליד נישט אַנטלויפן,
פון געפאַרן וואָס מײַן לעבן באַדראָען,
דאָס ליד איז פון לעבן דער אויפן
און מוז יעדן טראָט מיר באַיאָען.

דאָס ליד טאָר מײַן גלויבן פאַרניינען
און דאָס לעבן מײַן ליד נישט פאַרשוועכן
ליד און מײַן לעבן זיך איינען,
און פירן מיך העכער און העכער.

מיין ליד

ליד מײַנס, איך האָב דיך אויסגעטראָגן,
אויסגעצײַטיקט אין מײַן אינעװייד,
זאָלסט אויפגיין אין מיר מיט העלן טאָגן,
מיט זוניקער ליכטיקער פרייד.

ליד מײַנס, איך בין דײַן ערד,
גראָב זיך ווי אַ בוים מיט וואָרצלען פאַרשפּרייט.
איז וואָס אַז ס׳טוט וויי? איך ווייס דײַן ווערט
און כ׳בין לײַדן פאַר דיר מערער נאָך גרייט.

אַט בין איך אַ פעלד וואָס וויגט זײַנע זאַנגען
מיט ברויטיקער כשיוועס פון טאָג-טעגלעכער זעט,
און דו ביסט איצט ליד, אין מיר אויפגעגאַנגען,
ווי די ליבשאַפט וואָס בליט אונטער מאַמעשן גלעט.

ליד מײַנס דו ביסט מײַן אָטעם און כ׳פּיל,
ווי אַ טײַך וואָס טראָגט זײַן וואַסער אַף וועגן,
צו דערפרישן יעדעם גרעזל מיט מעכאַיעדיקן קיל,
און טראָגט דאָס לעבן דעם דורשטיקן אַנטקעגן.

ליד מײַנס, דו קומסט אויף אין מיר אַלע מאָל אַזוי,
מיט ציטער פון ברײשיס ערשטער יעצירע,

און כ׳פֿאַרכלינע מיך אַלע מאָל מיט הימלישן בלוי,
וואָס קריגט קוים אַן אָפּבילד אין מײַן אָרעמער שירע.

איך ווייס אַז דער הימל איז מיר דערפֿאַר אַזוי ליב,
ווײַל כ׳האָב אַף דער ערד טיפֿע וואָרצלען געשלאָגן
הימל און ערד — איך און מײַן ליד,
ווער ווייס — ווער ווען ס׳האָט אויסגעטראָגן.

מען זאָגט מיר

מען זאָגט מיר: מיטן ליד איז דיר גוט און לײַכט —
עס פּלאַפּלט אום אין דיר ווי אַ כוואַליע אין טײַך,
ווי אַ וואַסערפֿאַל וואָס שטראָמט פֿון הויכן באַרג,
וואָס כאַטש ער אײַלט אַזוי איז ער גאָרנישט קאַרג.

ווי דער יאַם צעברויזט וואָס ווייס נישט פֿון קיין שטער,
דו קאָנסט מיט ליד דערפֿילן דײַן מינדסטן באַגער.
איך ווייס ניט צי ס'איז גרינג, איך ווייס ניט צי ס'איז לײַכט,
נאָר מיט עפּעס איז מײַן ליד ווי אַ כוואַליע אין טײַך.

מיט אײַליק געלויף מיט שוימיק געברויז
אַט דאַכט זיך עס פֿאַלט און לאָזט זיך קיינמאָל אויס.
אויך ווי אַ וואַסערפֿאַל וואָס שלעפּט מיט אַ שטיין
און שלײַפֿט אים אַפֿן וועג און ברענגט אים גלאַטיק ריין

ווי יאַמיקער געברויז וואָס ווייס נישט פֿון קיין שטער.
נאָר טיפֿער איז פֿון יאַם מײַן מינדסטער באַגער.

פולע פרײַהײַט
איז די, וואָס
לאָזט אַ צווייטן
אויך פרײַ זײַן.

אַ ליד אין נעגעוו

כ׳בין אַרוים אין נעגעוו אין אַ העלן באַגינען,
און כ׳האָב דערפילט פון יונג-ערד דעם אָטעם.
ווי איך וואָלט זיך פּאַר נײַעם ברײשים געפונען —
ווי ס׳שטייט נאָך דאָס ליכט פאַרצווילינגט צום שאָטן.

די ערד אין שטייניקן פּאַנצער געפאַנגען,
בענקט דאָ נאָך מאַים כאַים און זריע.
און וויל אויפגיין מיט גאָלד פון ברויטיקע זאַנגען —
מיט קלאַנגען פון קאָסעם אין פּאַרטאָגן פריִע.

אַיעדער שטיין וואָס סטאַרטשעט זײַן עלנט אַף ווינטן,
ווי פינגער, וואָס מאָנען אין בלוי-ווײַטן הימל,
וויים וויפל כאַלוימעס אין זון אויסגעשפּינטע —
זײַנען דאָ צעטראָטן געוואָרן, ווי אַף וועגן אַ בלימל.

אַ פעלד האָט געכאַלעמט זיך מיט מענטשן-געזאַנגען,
און פייגל, וואָס זאָלן זיך בויען דאָ נעסטן.
אונטער שניטערס קאָסעס זאָלן פאַלן די זאַנגען —
ס׳זאָל דאָ קיינמאָל די ליבשאַפט ניט ווערן געלעסטערט.

טעג בלויע, דורכזיכטיקע, מיט זון אויפגעהעלטע,
זאָלן דער נאַכט ווי זיגער קומען אַנטקעגן.
אַ ברודער דעם צווייטן זאָל בענטשן ניט שעלטן —
און שפּרייטן זאָלן זיך אָפענע, פרײַע די וועגן.

און דאָ ווילן זשאַווערדיקע דראָטן דעם בריישים דערוואָרגן,
זאָל זײַן דאָס די מעכיצע צווישן טאָג און נאַכט?
און ס'שיילט אוים זיך מיט קאַין־צייכנס דער נײַער פרימאָרגן,
און די ערד וויל פאַרשעלטן איר אייגענע טראַכט.

אויב וואַקסן דאַרף סינע אַף ברויטיקער ערד,
שנײַדט זיך ווי אַ כאַלעף אין מײַן האַרץ אַ־יעדער דראָט.
שטאָט טויען, ריזלט אַ מאַמעשע טרער —
און קאַכט אויף מײַן בלוט מיט לאַוויקן זאָט.

און דאָ צאַפּלט יעדער שטיין און אָטעמט מיט לעבן,
עס בענקט נאָך מאַים כאַים און זריע די ערד.
נאָר אַ ברויטיקער זאַנג קאָן איר כשיוועס דערהייבן —
און אַ מענטשלעכער גומען דערפילן איר ווערט.

וואָלט איך מײַנע הענט ווי צוויי אײַזערנע צוואַנגען,
אײַנבײַסן אין דראָטן, אַז אויפגיין זאָל בליִונג פרײַ אַף דער ערד.
אויך איך קאָן מײַן כשיוועס אָפּגעפינען אין זאַנגען —
און אַזוי דערפילן מײַן כויוו און מײַן מענטשלעכן ווערט.

ישׂראל, 1955

נישט איין מאָל

נישט איין מאָל מעקאַנע כ׳בין דעם מאָלער
דאַכט זיך זײַן פריייד שטענדיק איז פולער,
ווען ער קריגט אַרײַן נאָר פאַרבן אין די אויגן,
קאָן ער אויסמאָלן אַ רעגנבויגן.

ער זעט אַ טײַך צעברויזיקט צעשטורעמט,
קאָן ער אים געבן אויך באַלד אַ פורעם;
אַ פויגעלע אין פלי מיט פליגעלעך צעשוועבט,
האָט ער אין לײַוונט גלײַך אײַנגעוועבט.

און מיר איז באַשערט אַזאַ קליינע מאָס
די שיינקייט אײַנפּרעסן אין ראָם פון אָס;
גיסט די שיינקייט איבער ראַנדן זיך אַריבער
און וואָס ס׳איז נישט אַרײַן ווערט מיר ליבער און ליבער.

עס קומט אַ צײַט
װען אַלץ װאָס מען האָט אין זיך אױסבאַהאַלטן
נעמט װי אַ װאָרצל האַרטע שיכטן שפּאַלטן —
און רײַסן זיך אַרױף.
קאָן זײַן אַז ס'זאָל דאָס ליכט
אָפּבריִען אים די דינינקע געװעבן.
דאָך װײַל עס מיט דער ליכטיקײט נאָר לעבן.

וואָלט איך...

וואָלט איך מײַן לעבן אַף ברייטן צעמאָסטן,
וואָלט איך עס געמאָסטן ווידער און ווידער,
און כ׳וואָלט יעדן טאָג וואָכיקן, פּראָסטן
פאַרפּולט ווי אַ קרוג, נישט מיט ווײַן נאָר מיט לידער.

איך וואָלט עס געצויגן אַף לענגען און ברייטן,
ס׳וואָלט יעדער רעגע געוואָרן מיר ליבער
ווען איך זע פאַר די אויגן נעמען זיך שפּרייטן
ווי פעלדער, די לידער, וואָס וואַקסן מיך איבער.

די לענגען, די ברייטן, און איך אינדערמיטן
מיט ליד וואָס עס רײַסט ווי פון ערד זיך אַ גרעזל,
אין הארצן פאַרפלאָכטן מיט מײַנע געבליטן
אַז בלוט איז מײַן ליד און ליד איז וואָס ריזלט.

ס'איז דאָ אַ ניגן
וואָס פֿירט דיך בײַ דער האַנט,
בײַ דעם ניגן
ביסטו שטענדיק אַ קינד,
און דער ניגן
גייט אויס
מיט דײַן אָטעם.

פון אַלע לידער

פון אַלע לידער דאָס שענסטע ליד
איז דאָס ליד פון מענטשנס שאַפן,
ווען דו אַליין שטייסט אין דער מיט
און ווייסט אַז דו האָסט מיטגעשאַפן,

אַז דעם טיש אַף פּראָסטע פיס,
אַז דאָס בענקל בײַ זײַן ראַנד,
אַז דאָס ברויט וואָס צוקער־זיס —
ריזלט קראַפט דאַן אין דײַן האַנט

ווי די זשיוויצע אין בוים,
יעדעס בלעטל צו דערנערן.
„אַז יעדער ציטער אינעם רוים —
ווייסטו, צו דײַן וועלט געהערן".

קומט דאָס ליד אויף שטיל אַזוי
ווי אַף מאַמעס ליפּ צום בענטשן,
זוי פרימאָרגנדיקער טוי,
דאָס ליד דאָס שענסטע: פאַרן מענטשן!

איך האָב אַרײַנגעקוקט אין מײַן האַרצן —
אַזאַ טיפֿער ברונעם אַ צעווויגטער
פֿון קלאַנגען ווי אין הימל שטערן,
פֿון מענטשנס פֿריידן פֿון מענטשנס טרערן.
אַ דימענט נישט דערשליפֿן —
ליגט דער גלויבן אין די טיפֿן
אויפֿגעזאַמלט זיך פֿון פֿונקען
וועט די טיף אים נישט דערטרינקען.

ווייל קלאַנגען

ווייל האָט אַ גלאָק פאַרבאָרגענע קלאַנגען,
וואָס זײַנען נישט דערגאַנגען,
צום אויער, צום ליד?
ווײַל ער איז געשמידט
פון אַזויפיל זון־אויפגאַנגען,
וואָס קומען אויף
מיט נישט־געאַנטן ליד.

אַזויפיל נײַע, נישט־געאַנטע קלאַנגען
שטראָמען אין מײַן געמיט
און וואַרטן אױפן ליד,
וואָס דאַרף זיי אויפוועקן
ברײשעסדיק אַנטפּלעקן
צום לעבן.

צאַפּלט זיך דאָס האַרץ,
ווי ס׳צינגל פון אַ גלאָק,
אַהין און אַהער,
מיט בענקשאַפט,
די נײַע קלאַנגען
אַרויסצופאַנגען.

ווען איך זאָל

ווען איך זאָל אַ פּיצעלע שײַן
מײַן אײגנס נאָר פֿאַרמאָגן,
געמאַכט כ׳וואָלט גענוג ס׳זאָל זײַן
אַף גאַנצער וועלט זאָל טאָגן.
ווען איך זאָל אַ פּיצעלע שײַן.

יעדער וואָלט דאָך עס דערזען
און צוגעלייגט זײַן אייגנס,
אָך — ווי ס׳וואָלט ליכטיק געווען
פֿון אַזאַ פֿאַרמעגן.
ווען איך זאָל אַ פּיצעלע שײַן.

גלײַ איך פֿון לאַנג שוין אין האַרץ
אַזאַ ליכטיק פֿלעמל,
אַזאַ זוניקס אַזאַ צאַרטס
וואָס וועט די וועלט אײַננעמען.
ווען איך זאָל אַ פּיצעלע שײַן.

EPITAFIOS

(En memoria de los combatientes del ghetto de Varsovia)

I

Los que mi recuerdo custodian
junto a mis pasos van.
Aunque cual espina en la rosa
esté punzando el penar,
sé que en mí el vigor rebrota
de los que cayeron ya.
Y aunque hoy me asegurasen
que el olvido otorga paz,
y apretar los dientes deba
en mi perpetuo evocar—
y cual surcos en la tierra
vaya hendiéndose mi faz—
guardaría todas las huellas
abiertas junto a mi andar
de aquellos que levantan
el valor de mi verdad.

II

La tierra que se abrió para absorberos
y os está meciendo en sus entrañas,
no tuvo sed de vuestra sangre, creo,
y a ser vuestro sudario fue forzada.
Y sé que mil veces ella se abriera
para tragarse a los que os dieron muerte
y los escupiera otras mil veces
para que no mancillen su pureza,
y otras mil en tinieblas se envolviera
para cerrarse con fragor sobre sus testas.

EN EL CANTO

No quiero en el canto ocultarme
cual ave en su nido ante el rayo;
sí, plasmar en el canto mi imagen
y hallar mi perfil en el canto.

No quiero en el canto perderme
cual se pierde en los mares, la gota,
sino en flor irrumpir de su seno
cual simiente del surco, creadora.

Sé, no siempre es el cielo celeste,
ni está siempre el cielo estrellado;
una flor puede en el canto mustiarse
y enlazarse la risa y el llanto.

De los riesgos que amenazan mis días
no quiero evadirme en mi canto;
el canto es mi forma de vida
y me debe afirmar cada paso.

El canto no niegue mi credo,
ni la vida profane mi canto;
que el canto y la vida se unan
y me eleven más alto y más alto.

LA CANCION

No siempre nace la canción
tan espontánea y desenvuelta
cual gota de rocío sobre el árbol
o el tierno brote en primavera.

Cual golondrina en el ramaje
la ves cernerse en grácil vuelo;
más honda en el alma está enlazada
y sólo emerge de un callar severo...

Díganlo, si no, las flores:
también, a veces, demórase el rocío,
cuando hay sed de agua en la corola
y el cielo está lejano y limpio.

Y también el brote tierno
afrontar debe invierno hosco;
sé que el canto he de alcanzar
horadando un hondo pozo.

Y al ver la tierra herida
por los tajos del arado,
más dolor afrontaría
si pan pudiera ser mi canto.

CUANDO LLUEVE

Quiero a veces cuando hay lluvia
ir con ella de la mano.
Por las verdes sendas mudas—
y embeber de vida el grano.

Y con frescas gotas —labios—
ir besando cada espiga,
mientras un cantar levanto
sobre toda hierba viva.

Que el pan es nuestra cima
les diría en cada gota,
y ahogaría toda espina
que con fría muerte brota.

Si andar quiero con la lluvia
por campos plenos de espiga
razón lúcida es mi fortuna
que ir por ir jamás lo haría.

LA TIERRA

Esta de nuestros pies hollada tierra,
la tierra ésta se nos revela madre:
de almíbar nos impregna la existencia
y todo dolor nuestro lo comparte.

Junto a nosotros libra las peleas
en vísperas de albas reveladas;
y en los ínfimos granos de la espiga
despierta augusta dignidad de hogaza.

En la ópima recolección de soles
se entrega al segador con alegría;
ella sabe que tiene un fundamento
la caída fatal de las espigas.

Soporta nuestro paso alborozada
y jamás la embriaga nuestro sudor vertido;
lo explica esta diáfana respuesta:
hombre y tierra —la vida es el sentido.

LA ABEJA

A una abeja en vuelo fuí siguiendo:
tan minúscula y vivaz, una dorada cabecilla ardiendo.
Y una dulzura de miel tuve en la boca.
Envidié a la abeja, entonces: tan menuda
que sólo verla venir y ya un dulzor sentimos dentro.
¿Puedo yo, con todos mis sentidos,
ofrendar también este dulzor en el encuentro?

6 VERSOS

1 - LA ABEJA

2 - LA TIERRA

3 - CUANDO LLUEVE

4 - LA CANCION

5 - EN EL CANTO

6 - EPITAFIOS

En versión castellana de Rubén Sinay

bre, la vecindad del prójimo, para compartir con él, y universarla, la experiencia personal.

El destino que Ester Rimer señala a su poesía se trasunta en la forma. Porque quiere comunicarse y ser entendida, rehuye los hermetismos conceptuales e idiomáticos y trabaja laboriosamente el verso hasta lograr la máxima fluidez y transparencia. Es una aparente sencillez —como la del pan y del pájaro, invocados insistente cual leitmotiv inspirador—, que conjuga armónicamente con la metáfora leve y sutil y con la idea aguda y aleccionadora.

Es, en suma, un denso puñado de raíces y alas que agrega belleza y sabiduría al acervo poético judío.

RUBEN SINAY

RAICES Y ALAS

Este libro es la suma de un prolongado fervor y ejercicio poéticos. Siendo el primero, presenta, sin embargo, las características de una antología. Selecciona lo que Ester Rimer fue desgranando en publicaciones distintas y en páginas íntimas e inéditas desde que la poesía echara raíces en sus venas y en su lenguaje. Importa poco, empero, si es largo o breve el período que abarca; porque no es el proceso de un oficio literario lo que aquí se exhibe, sino la imperiosa necesidad de expresarse de un espíritu sensible en permanente comunión con el mundo y con el hombre.

Queda dicho así que la de Ester Rimer no es una poesía intimista. No lo es, en general, la creación de las pocas poetisas con que cuenta la literatura en idish. Quizá porque la tragedia histórica de la estirpe obliga a la mujer judía, en trance de manifestarse literariamente, a trascender el limitado ámbito de la vivencia individual para dar cauce a las desgarraduras y ansiedades colectivas. Así es la poesía de Ester Rímer. Hay en ella una acuciante pasión por decir y dialogar. Por darse a los demás. Y asimilar y hacer suyos el drama y la esperanza de la gente. Aún en el poema esencialmente lírico —allí donde evoca una situación sentimental, íntima pero fundamental; o donde recrea poéticamente un paisaje imponente—, busca y descubre la presencia del hom-

Copyright by Editorial ICUF, Buenos Aires, 1967
Queda hecho el depósito que marca la ley

Impreso en la Argentina

Se terminó de imprimir en abril de 1967,
en los Talleres Gráficos "OPTIMUS" S. R. L.
Valentín Gómez 2715 - Buenos Aires

ESTER RIMER

BROIT UN LIBSHAFT

(Pan y cariño)

VERSOS EN IDISH Y CASTELLANO

EDITORIAL "ICUF"
Buenos Aires
1967